STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02454

SOYDES FUN A YUNGER VAYBEL

Marcel Prevost

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סודות פון אַ יונגער ווייבעל

אדער

זשולעט'ס חתונה

א זעהר אינטערעסאנטע
ליעבעס ערצעהלונג
פון

מאַרסאל פרעווא

איבערזעצט פון

מאקס לעווין

פרייז 15 סענט

פערלאג
ווילנא פובלישינג קא.
147 איסט בראדוויי
ניו־יארק

WILNO PUBLISHING CO.
147 East Broadway
NEW YORK

איטאליען האָט בעזיעגט טירקיי.

און דער בעריהמטער איטאַליענישער פּראָפעסאָר

פּאול מאנטעגאצצא

האָט בעזיעגט אַלע מענשען אין אַלע לענדער און אין אַלע שפּראַכען מיט זיין בוך

די קונסט צו ליעבען און געליעבט צו ווערען.

דאָס ערשטע מאָל אין דער אידישער שפּראַך ערשיינט אַזאַ ווערק אַזוי גרינדליך און ערנסט בעאַרבייטעט

פון מ. קאַטץ

נור אַזאַ ערנסטקייט קען בעזיעגען אַלע פאַלשע און נאַרישע בעגריפע אין דער

קונסט צו ליעבען און געליעבט צו ווערען.

די סודות פון לעבען ווערן פיר אייך ענטדעקט, און עס ווילט זיך אייך ליופען און ערקלעהרען אייערע טעכטער, אייערע זיהן, אייער מוטער, אייער שוועסטער, אייער פרוי און אייער געליעבטע; די וואונדערליכע און אמת מענשליכע סודות פון דער

קונסט צו ליעבען און געליעבט צו ווערען.

איין אוצר פון חכמה און קענטניס פיר יונגע בחורים און מיידלאך, און פיר מענער און פרויען, טאטעס און מאמעס, חתנים און כלות.

פיר בלויז 15 סענט.

צו בעקומען ביי די פערלעגער:

WILNO PUBLISHING CO.

147 E. Broadway, New York

זשוליען׳ס הייראטה.

פון מארסאל פרעווא,

דער לעצטער וועקיישאָן:

סעפּטעמבער ...18

אט איז שוין ענדע זומער, אבער דיא טעג זיינען נאך אזוי פּראכט־פאל, דיא בוימער גרין. איך וואלט געוואלט פערבלייבען אויף דיזען קליינעם ברעטאָנישען ברעג, ביז עס וועלען ניט אבפאלען דיא בלעטער, און עס וועט מעהר ניט זיין קיין זונן... ווען איך טראכט וועגען דעם קאָנקאָרד־פּלאץ, וועגען דעם בולאָנער וואלד, וועגען טהעאטערע, דינערס, בעלער, גלוסט זיך מיר וויינען. ווארום? אין דיא פערגאנגענע יאהרען פלעג איך זיך מיט פערגניגען אומקעהרען צום ווינטערדיגען ארט לעבען, און דיא רויטליכע פייערין אויפן סען־לאזאר באהנהויף האבען מיך אנגענעהם אויפגערעגט.

יא, אבער היינטיגס יאהר האבען מיר פּאפּא און מאמא געזאגט: „אין יאנואר וועסטו הייראטהען. דאס איז פעסט בעשלאסען. מיר האבען דיך פארבערייטעט. אזוי איז עס נויטהיג."

זיי האבען עס געזאגט, אזוי וויא זיי וואלטען גערדאהט צו פער־שפּארען מיך אין א מאָנאסטיר אדער מאכען איבער מיר א שרעקליכע בירורגישע אפּעראציאָן. פאר וואס ווילען זיי אזוי פטור ווערען פון מיר? ביי אונז שטעה איך קיינעם ניט אין וועג: איך דענק אפילו, אז איך טראג אריין עטוואס יונגעס, פרעהליכעס, שעהנעס, און דאס אלעס וועט אוועק צוזאמען מיט מיר, און אלע וועלין דערפיהלען, אז איך פעהל זיי... עס וועט דערפיהלען דער טאטע, דיא מאמע, דיא דיענסט, און אונזער אלטער פערד פרימאווערא, וועלבער שמייכעלט,— יא, שמיי־

220979

בעלט, ווען איך בענרים איהם אך, איך זעה פאראוים, וויא עס וועלען זיך קריגען מיינע טהייערע עלטערען, ווען זיי וועלען בלייבען אויג אויף אויג! און וואס פאר רעוואלוציאָנען עס וועלען מאכען דער קוטשער דיא קעכין דיא דינסט! וויפיעל מאהל איך האב פערמידען דיזע רעוואלוציאָנען, אויסגעהיילט מיט מיינעם א ליעבליכען ווארט דיא וואונדען פון זעלבסט-ליעבע!... —„ווען ניט דיא פרייליין, וואלטען מיר לאנג אוועק!..." איך האב אפט געהייט דיזע פראגע.

אבוואהל, מיינע אלטיטשקע זיינען גאר ניט אזעלכע בייזע—ניט פאפא, ניט מאמא: זיי זיינען נור אויפרעגענדע, בורטשען, שרייען, וויא מענשען, וואס ליידען שוין א יאהר דרייסיג פון א מאגען-קראנקהייט (ביידע האבען איינע און דיזעלבע! א יא, עס איז ריהרענד)? עס ווייזט אויס, אז עס איז בעסער פאר זיינע מאָגענס, ווען זיי זאגען מיר דא, פופצעהן מאהל אין טאג! „פערגעס ניט, אין יאנואר וועסטו הייראטהען!" אומזיסט ענטפער איך זיי, אז איך זאג זיך ניט אב, אז איך בין גרייט צו הייראטהען דעם, ווער עס וועט זיי געפעלען, אז איך בעט ביי זיי נור איין זאך,— אז זיי זאלען אויפהערען צו רעדען וועגען דעם ביז פאריזש, זאלען זיי מיך לאזען רוהיג פערברייננגען מיין לעצטען מיידעלשען זומער. קיין זאך העלפט ניט,

אין אמת'ן האבען זיי מורא, איך זאל ווידער ניט אוועק'פטר'ען דיא חתנים, וויא איך טהו עס שוין פאר דיא לעצטע זעקס יאהר.

נאט מיינער, וויפיעל איך האב שוין אבגעזאגט! און נור דערפאר, וואס איך האב ניט געוואלט הייראטהען. „צו וואס הייראטהען?"— האב איך געטראכט...—„איך בין א שעהנינקע, וועגען דעם קען מען גאר ניט שטרייטען. א דאנק מיינע רויטע האאר און גרויע אויגען, קען איך צווייגגען ייעדען איינעם זיך שרכנען צו מיר. איך האב א היבשען נדן, ניט קיין גאר גרויסען, אבער א קיילעכיגען; איינם פון יענע נדן'ס, וועלכע רופען ארויס ביי א פערליעבטען יונגען מאן דעם געדאנק: „נאך אלעמען, פאר וואס טאקע ניט הייראטהען?" איך בין

אלזא גאנץ זיכער, אז אין ווינינער ווי א מאנאט וואלט איך געקענט הייראטהען, ווען איך זאל פועל'ן ביי זיך צו נעהמען א מאן, צו וועלכען איך בין גלייכגילטיג. און אלע חתנים, וועלכע מען האט מיר פאר געשלאגען, זיינען געוועזן אזעלכע גלייכגילטיגע פאר מיר. עס וואלט געוועזן זעהר נאריש צו איילען זיך."

יא, אבער מיט אזעלכע חקירות פערבלייבט מען ביז צוויי און צוואנציג יאהר א מיידעל. אזוי איז אויך געוועזן מיט מיר. דער פון שטאמט דער טרויער פון מיינע אלטינקע, זייער צארן, וואס אלע מיינע פריינדנען האבען שוין חתונה געהאט, און איך נאך אלץ נים. דער פו־ נעהמט זיך דיזער שרעקליכער; „אין יאנואר וועסטו הייראטהען!" נו, גוט! נאך אלעמען, זיינען זיי גערעכט, איך געפין אליין, אז איך האב פערשפעטיגט.

אין יאנואר וועל איך זיין פערהייראטה.

אבער מיך פערדריסט נור. וואס איך האב אזוי לאנג געווארט נור צוליעב דעם, אום, אלס רעזולטאט, הייראטהען אימיצען פון יענע, פאר וועלכע איך האב מורא געהאט, און וועלכע איך האב אבגעזאגט זייט איך בין א כלה געווארען, איך ווייס נים, וויא מען רופט דעם, ועמען מען בעשטימט מיר אין פאראויס, איך ווייס ניט, צו איז ער א שעהנער אדער מיאוסער, נארישער אדער אינטערעסאנטער. ווייל איך האב אליין ניט געקענט אויסקלייבען, האב איך פארגעצויגען, מען זאל אויסקלייבען פאר מיר און אהן מיר. און עס פערשטעהעט זיך, מיינע ארימע אלטיטשקע וועלען אנווענדען אלע מיטלען, ווייל זיי ליעבען מיך זעהר שטארק. און דאך רעגט מיך אויף דער געדאנק, אז איך וועל אנקומען צו איהם, דיזען אונבעקאנטען, וועלכען איך האב ניט ליעב, און וועלכער האט קיין זאך ניט געטאהן, אום מיך צו פערדינען.

מעני פערקאמט מיך, איך קוק אין מיין טואלעט־־שפיגעל און טראכט זיך: „דוא ביסט ווירקליך זעהר א שעהנינקע, מיין קליינינקע זשוליען; אלעס, וואס מען זהעט ביי דיר, און אלעס, וואס מען זעהט

נים, איז ווערטה עטוואס בעסערס, וויא פערקויפט צו ווערען לוים א קאָנטראַקט, — אט אזוי, וויא מען פערקויפט א פארם.״

דאס, וואס איך וויים, וואס איך שטוים מיך אן ווענען דער הייראטה, פילט מיך נאך מעהר אן, מיט טרויער. אָ, איך בין גאנץ וויים פון וויסען אלעס! אט וואס איך, זייענדיג גאנץ אפּענהערציג, וויים, ערשטענס, דארף מען שלאפען צוזאמען מיט׳ן מאן, פון דער ערשטער נאכט אן. איך האב פיעל געטראכט ווענן דעם, עס זיינען דא פיעלע מאנסבילען, וועמעס נאָהענטקייט וואלט ניט ארוים גערופען ביי מיר קיין עקעל, פערקעהרט, איך גיעב צו אפענהערציג. אז ניט איינינע...... מען קען עס ניט זאגען אדער אנשרייבען, אבער איך פערשטה. וואס זשע קומט פאר אויף דיזען געמיינשאפטליכען געלעגער? ווענען דעם בין איך שוין וויניגער זיכער. אבער. פון דעסטוועגען, דיינק איך, אז ניט נאר מען קושט זיך; איך שטוים מיך, דוכט זיך, אפילו אן, אין וואס עס האנדעלט זיך. דאס איז אלעס. וויא עס קומט פאר, און ווי אזו. דער פון קומען ארוים קינדער,— וויים איך גאר ניט; קלאהרע בעגריפע הויבען זיך ביי מיר ווידער אן פון׳ם מאמענט, ווען דיא פיגור הויבט אן דיק צו ווערין.

און אט, ווען איך שטעל זיך פאר, אז ענדע דעסעמבער וועט אימיצער זיך איבערגעבין מיט מיר, זשוליען. ביי וועלכר קיין מאנסביל האט קיין מאהל ניט געזעהען דעם האלז, ריא קניע, צו דיזע אונבעקנטע פאנטאזיען, — וועט איהר גלויבען, אז עס שרעקט מיך ניט זעהר שטארק. איך גיב זיך אונטער געווים, וועט עס קיינעם אפילו ניט איינפאלען, וואס אין דיזען פאקט מאכט מיך בעטריבט און טרויעריג. וואס דאס מוז איך מודה זיין פיר זיך אליין, איז דיזע ארימע מיידעלשע בושה, וועלכער איך גיב אייגענטליך שוין ניט צו אזוי פיל בעדייטונג, וועט נעבראכט ווערין אלס קרבן אזוי שנעל, אין איין נאכט... איך וואלט וועלען, זיא זאל אבשטארבען לאנגזאם, לאנגזאם, זיא זאל דארט און ביסלערווייז פערשווינדען מען זאל איהר יעדע ברעקעלע אוועקנעהמען

ביי מיר נאך דרינגענדע ביטעס, און איך זאל יעדען מאהל טראכטען:
„יא... איך ליעב איהם געגוג, אום צו ערלויבען איהם אויך דאס.״
און אזוי זאל דויערען וואכען, מאנאטען, אייב נויטהיג — א יאהר... איך
האב זיך צו פרעגט ביי מיינע פערהייראטהע חברטעס, אום אויס
צוגעפינען, אויב מען קען פועל׳ן ביים מאן אזא לאנגזאמקייט. זיי האבען
געלאכט מיר אין געזיכט אריין.

וואס זשע זאל איך טאהן! מיין ארימע בושה, זיי גרייט
אבצושטארבען אין איין נאכט...

א פריינדינע

סעפטעמבער ...18

עס איז שוין דא כמעט קיינער ניט פערבליבען: עס איז גאר ניט
אזוי גלענציג צו לעבען אויף ים — בעדער ביז ענדע סעפטעמבער. דאס
טוהען נור יענע, וועלכע האבען ניט קיין אייגענע יאגד, ניט קיין אייגענעם
שלאס. און מיר האבען יא עטוואס עהנליכעם צו א שלאס אין׳ם
דעפארטאמענט פון סענא — און — אואזא און שטיק לאנד ארום
אום צו שיסען קוראפאטקעס. אבער סענא — און — אואזא איז אזוי
נאהערט צו פאריז, וואו עס וואקסען חתנים, און איך וואלט וועלען
בעקאנט צו ווערען מיט מיינעם, וויא מעגליך שפעטער, און איך האב
געבעטען מיינע אלטיטשקע אבצולייגען אונזער אברייזען ביז דיא ערשטע
טעג אין אקטאבער, סיידען עס וועט זיך פלוצלונג ענדערען דער וועטער.
זיי האבען איינגעשטימט. יעצט ווייס איך א מיטעל, וויא אויס צופיהרען
ביי זיי אלעס, וואס איך וויל איך דארף נור צו געבען צו מיין ביטע דיא
פראגע: „איהר מעגט עס טאהן פאר מיר: אין יאנואר וועל איך דאך
זיין פערהייראט״. דיא אלטע זיינען אויסער זיך פאר גליק. וואס איך
זאג זיך ניט אב. און דערצו ווידערהאל איך דיזע בוואוסטע פראזע אזוי

אפט, אז זיא וואַרפט ארויף א מורא אויף זיך אליין.

...דער כמעט פערלאַזענער ים — ברעג איז געוואָרען נאָך שעהנער עס איז פערבליבען נאַר אונזער קליינע גרופפע פאַריזער און צוויי — דריי אויסלענדישע פאַמיליען. פון דיזע לעצטע בין איך בעקאַנט נור מיט איין פריילין פון סויטה אמעריקע, אונז האט פאַרגעשטעלט אין אַנפאַנג זומער א געמיינשאַפטליכער בעקאַנטער; פון דאַן אָן האָבען מיר זיך געזעהען יעדען טאג, אפט — עטליכע מאהל א טאג. פעפּטיאַ — איז זעהר א שעהנינקע: זיא האט האאר, כמעט אזעלכע שעהנע, וויא ביי מיר, — לענגערע, וויא מיינע, אבער ניט אזעלכע דינע און ניט פון אזא אָריגינעלען, צאַרטען קאָליר, אויגען האט זיא שוואַרצע, סאַמעטענע, א פּראַכטפאָלע טאַליע, און ווען ויא געהט, בעוועגט זיך איר ברוסט אויף א העכסט פערפיהרערישען מאַניר... אַלע זיינען דא איינשטמיג, אז מיר, פעפּיטאַ און איך, זיינען דיא אינטערעסאַנטסטע דיזען סיזאָן.

א אַנדערטהאַלבען מאָנאט האָבען מיר געקוקט איינע אויף דיא צווייטע וויא מען זאָגט, מיט מורא. מיר האָבין גערעדט וועגען אַלעס, נור ניט וועגען דעם, וואָס האט אונז ווירקליך אינטערעסירט: וועגען אונזערע ערנסטע ליעבעס — אַנגעלעגענהייטען און אונזערע הייראַטס־פּלענער. נור מיט א טאג צעהן צוריק האט זיא מיך געטראָפען גאַנץ־פריה אין גאָרטען א פערוויינטע: דיא מאַמע האט מיר ווידער געמאַכט א סצענע אַלץ אויף דערזעלבער אייביגער טהעמע: „אין יאַנואַר וועסטו זיין פערהייראַט.“ מיין פריינדינע האט זיך אזוי ליעבליך צו פרעגט ביי מיר געקושט, געטרייסט, אז איך האב איהר אַלעס דערצעהלט, אַלס לאָהן פאַר מיין אָפפענהערציגקייט האט זיא אויך צועפענט פאַר מיר איהר הערצעל, און איך האָב דאָרט דערזעהען פּיעלעס, וואָס האט מיך אי פעראינטערעסירט, אי אַביסעל דערשראָקען.

פעפּיטאַ, אַבוואָהל איהר איז אין גאַנצען נײַנצעהן יאהר, האט פּיעל קאָקעטירט; זיא האט זיך מודה געווען, אז זיא האט אַנגעהויבען צו ניין יאהר אין ראָזאַריאָ. איך האב אַנגעהויבען צו צוועלף יאהר אין

פאריז. אבער צווישען פעפיטאס קאקעטירען און מיינעם איז א גאנצער אבגרונד.

ערשטענס, בין איך קיין מאהל ניט, איך שווער — קיין מאהל ניט געוועןְ פערליעבט, איך האב געקענט אייניגע וואכען נאכאנאנד טרוימען וועגען א ניי זומער-פליגעלע, וואס האט געפלאטענט פאר מיינע גרויע אויגען; אבער קיין מאהל האבען דיזע טרוימען ניט געקענט אויס האלטען מעהר וויא א מאנאט.

אונז אלע (עס פערשטעהט זיך — אלע שעהנינקע ; אנדערע זיינע ניט אריינגערעכענט) פערשאפט, דענק איך , פערגניגען ארייינצוקוקען אין א שפיגעל. אונזער געזיכט רופט אין אונז ארויס אזא מין געדאנק: „ווירקליך, קליינינקע זשוליעננע, דו ביסט היינט זעהר אינטערעסאנט." און דאס איז אנגענעהם . אבער וויא אנגענעהמער וואלט נאך געוועןְ, ווען דיזע פראזע וואלט ארויסגעזאגט דער שפיגעל אליין... נו זיינען עס דיא פלירטען פון אזא מין שפיגעל, וואס רעדט...אין איך וואלט געקענט מיט אזעלכע שפיגלען אנפילען א גאנצע גאלעריע , זיי האבען גערעדט, וויפיעל איך האב געוואלט, אבער איך האב זיך מיט זיי אימער בענוצט צו דיזען צוועק. צוויי — דריי מאהל האבען זיי געפרופט צו בעפרייען זיך פון אונטער מיין מאכט, אבער דיזע פאנטאזיע פלעגט ביי זיי שנעל פערגעהען.

ביי פעפיטען אבער, וויא זיא אליין ניט צו, איז עס געוועןְ אויף אן אנדער אופן.

זייא איז זעהר קלאהר אין אלע ליעבעס — געהיימניסע , וועלכע איך ווייס ניט , — ריכטינער , ניט געוואוסט, וויל דורך דער וואך פון אונזערע אינטימע געשפרעכען האט זיא שוין צייט געהאט מיך בעדייטענד אין מאנכעס וואס איך האב ניט געוואוסט קלאהר מאכען. פאר איהר צו לאזען זיך א קוש טאהן אין דיא ליפען איז אזא קליינינקייט וויא אתטערטרא ען דיא האנד אין האנדשוה צו דיא וואנסען פון א מאנסביל זיא האט צוזעעט לאקאנעס פון איהרע פראכטפאלע בראנזאנע האאר

איבער אלע פיער עקען פון דער וועלט. זיא , כמעט א נאקטע , האט פּאָזירט פאר א פאריזער מאהלער, וועלכער האט זיך שטארק געשדכנט צו איהר. צו איהרע סווידאניעס האט זיא פערלארען יעדע רעכענונג. זיא בעשטימט זיי יעדען מאהל , ווען דער מאנסביל , וואס דרעהט זיך ארום איהר, געפעלט איהר, זיא האט מיר געזאגט.

— „אז יעצט קען זיא גוט דיא מאנסבילען און דאס מאכט שטארקער איהר בעשלוס צו הייראטהען קומענדען יאהר דזשעמסען.“

ווער איז דאס דזשעמס ? דאס איז א יונגער ענגלענדער , מיט וועלכען זיא האט זיך בעקאנט מיט דריי יאהר צוריק אין רעמסגייט. ער איז נאך אין אוניווערזיטעט, היינטיגס יאהר האט ער בעקומען דעם ערשטען פרייז אויף דיא קעמברידזשער שיף — רייסעס. זיא האט מיר געצייגט זיין בילד, ער האט דעם אויסזעהען פון א נארישען גינאָעט — פון אן אויסגעפּוצטען פערד־אנטרייבער, א טיפּישעס אויסזעהען פון דער היינטיגער ענגלענדער יונגוואַרג.

„איך מוז האבען זעהר א שטארקען מאן !“ האט מיר געזאגט פעפּיטא, בעהאלטענדוג דאס בילד אין א קליינעם פאקעטבוך.

וויא זיא זאגט, האט זיא זיך קיין זאך ניט ערלויבט מיט דזשעמסען אבער זיא האט איהם געגעבען דאס ווארט צו ווערען זיין פרוי, הייסט עס, זיא ליעבט איהם, ווייל דזשעמס איז דער יונגסטער פון זיבען קינדער און איז ארעם, און פעפּיטא איז רייך, אבער אויב זיא האט איהם ליעב, פאר וואס־זשע בעטריגט זיא איהם אזוי, מיט יעדען אהן אן אונטערשיד ? איך האב זיא געפרעגט וועגען דעם.

— ערשטענס , האט זיא מיר געענטפערט — בעטריג איך איהם גאר ניט. דזשעמס ווייסט אז איך האב ליעב צו קאָקעטירען. און דאן, וועט איהם סיי וויא אנקומען, דאס טהייערסטע אין מיר, וואס קיינער האט נאך ניט געקראנען...

„און אז איהר וועט הייראטהען, וועט איר נאך אלס קאָקעטירען מיט יעדען יונגען מאן וואס וועט אייך קומען אין וועג ?

— דאס וועט אבהייננען... זעהט איהר, זשוליען, איך האב א טעמפעראמענט. דיזער טעמפעראמענט מוז האבען אן אויסגאנג, ווען איך וועל זיין פערהייראטה, וועט עס זיין לייכט. און איך וואלט געווען זעהר צופרידען, ווען איך זאל געפינען דעם אויסגאנג ביי זיך אין דערהיים,

... לאניש נאכדיינקענדיג, וואלט איך בעדארפט פערזכטען פעפיטען, עס זיינען פאראן מינוטען, ווען אין טראכט: „אין דער ווירקליכקייט, איז דיזע מיידעל — א קאָקאָטקע״. אבער נים אכטענדיג דערויף, איז זיא אזוי ליעב, אזא גוטער פרינר, אזא בענייסטערטע, זיא בעציהט זיך מיט אזא מיטגעפיהל צו פרעמדע ליידען, זיא איז אזא צארטע, אז איך קען נים זיא נים ליעבען, פיליכט, איז זיא גערעכט... און ווער ווייס? — פיעללייכט, וועט ערשט זיא פון אונזביידע זיין א טרייע און גליקליכע ווייב... אונזערע בעציהונגען צו דער הייראטה, איהרע און מיינע, שטעלען מיט זיך פאר אן אומגעלומפערטען ווידערשפרוך. זיא, וועלכע האט זיך אזוי פיעל מאהל און אזוי זארגלאז האלב אבגעגעבען, פרובט אויס גאנצע דריי יאהר יענעם ווען זיא גרייט זיך הייראטהען, און איך, וואס האב אזוי אייפערזיכטיג געהיט מיין קערפער, — וועל איהם אוועקגעבען ענדע דעצעמבער צו א מענשען, צו וועלכען איך בין אין גאנצען גלייכגילטיג. אך, וויא דאס אלעס איז זאנדערבאר און שרעקליך, ווען דוא הייבסט אן צו דיינקען...

עס דוכט זיך מיר, אז איך האב זיך פערבלאָרזשעט אין מיין מאָראל. ווער וועט מיך ארויספיהרען אויף א וועג?

צארטע ערגאינערונגען:

אקטאבער ...18
מיר האבען זיך ענדליך צוריקגעקעהרט קיין פאריז, און אין הויז איז א גאנצע איבער קערענוס, מען ראמט און מען פוצט יעדער ווינקעלע, אלעס מוז שעהן און ניי אויסזעהן.

א קלייניקייט, חתנים דארפען דאך קומען, איז ריכטיג, וויא זייא וואלטען דארפען אנקוקען דיא ווענט, דיא מעבעל, דיא גארדינען, נור מיר, ניט איך בין גאר געווארען א איבריגע אין דעם גאנצען געשעפט.

יעצט בעל־הביתעווען ביי אונז מענשען מיט העק אין זעגען, מיט קויטערס. אין פענזלען פאפא און מאמא זיינען אנוועזענד ביי זייערע ארבייטען, אמאהל פרופען זיי צו מאכען שעהמעוודיג א בעמערקונג: יענע הערען זיא אוים מיט פעראכטונג. איך ערלויב זיי צו פארבען, שאבען, קלאפען, וויפיעל זייער הארץ געלוסט: אבער איך האב ערקלעהרט, אז צו מיין צימער וועלען זיי זיך ניט צוריהרען, צו וואס? מען וועט דאך ניט פיהרען דיא חתנים אויף אהין? איינגעגארעט אין אין דיזען הייליגען ווינקעלע, פערברענג איך דא בעקוועם דיא טעג, שרייב, דיינק, אמאהל וויין איך, אום צו בערוהיגען דיא נערווען.

ווייל ביי מיר זיינען זעהר צו רודערט דיא נערוועו, זעהר צורודערט... אויף דיא ים —בעדער, א דאנק דעם זומער, א דאנק דעם, וואס איך בין געווען פיעל פרייער, ענדליך, א דאנק דער משוגענער פעפיטא, האב איך אנגעהויבען מיט געלעכטער בעטראכטען דאס שרעקליכע „אין יאנואר וועסטו הייראטהען!“ דא איז נימא ניט קיין פעפיטא (זיא איז אויף א יאנער נאך גראוסען אין סקאטלאנד), ניט קיין ים בערג, ניט קיין שפאצירען: דער אבשייליכער פאריז, בלאטע און רעגערס, א

גרויער הימעל האט זיך אויסגעצווינגען איבער דיא נאסע הייזער... און דאן, נעהט דאך אוועק דיא צייט. אט איז שוין כמעט האלב אקטאבער אוועק. אין דיא ערשטע פערזאמלונג פון חתנים (מיינע אלטיטשקע זאגען, אז עס איז פאראן פיער פאסענדע: נור, איך זעה, עס געפעלט זיי נור צוויי) — וועט שטאטפינדען, וואהרשיינליך, ניט פריהער, אלס אין א מאנאט ארום, און נאך אין א מאנאט ארום וועל איך מוזען מאכען מיין אויסוואהל. נאכהער ניט מען מיר נאך אנדערטהאלבען מאנאט, אום „אריבערצוגעהן פון אכטונג צו גלייבונג", וויא עס דריקט זיך אויס פאפא. און אין יאנואר, קראך! — איך בין פערהייראטה. עס איז גוט צו האבען עלטערען, ביי וועלכע אלעס איז אויסגערעכענט און איינגעטהיילט?

אריבערגעהען פון אכטונג צו גלייבען! אין אנדערטהלבען מאנאט! נאך מיין מיינונג, איז עס — אדער א צו אונבעדייטענד צייט, אדער א צו לאנגע צייט. ווען איך פרעג מיין אונשולדיג (הם! הם!) הערצעל, אויב עס האט שוין אמאהל דורכגעמאכט אזא איבערגאנג ענטפערט עס מיר: „ערשטענס, זשוליען, האב איך זיך קיין מאהל ניט געקימערט אנצופאנגען פון אכטונג איידער זיך צו פערליבען: עס פלעגט קומען צו מיר יעדעס מאהל אהן שום נאכדיינקעניש, און הויפטזעכליך — אהן שום אנשטריינגונגען. צווייטענס, בין איך שטארק אין ספק, אויב איך האב ווען עס איז געליבט; יענעס לייכטע, אנגענעהמע קיצלען פון דיא נערוועך, וועלכעס איך האב געפיהלט א צוויי — דריי מאהל, — איז דאס דען — דיא אמת'ע ליעבע, וועגען וועלכער דיא פרויען רעדען, אמאהל מיט צארן, אמאהל מיט ענטהוזיאזם? איך קען עס ניט גלויבען, און מיר איז צוויי און צוואנציג יאהר, איז עס ניט שפעט אנצוהויבען שטודירען ליידענשאפט?

מיין הערצעל איז גערעכט, מען האט מיר אפט געזאגט, אז מען ליעבט מיך: אייניגע פלעגען עס אנזאגען מיט א מין גראציעזער פרייהייט, ניט צוגעבענדיג דיזער ליעבעס—ערקלעהרונג קיין בעדייטונג,

פּשוט, אום א קוק צו טאהן, צו עס וועט „א פּיק טאהן.“ אבער, איך האבּ געזעהען, אייניגע זיינען אויך געווען אויף דער אמת׳ן אויפגערעגט האבּען געציטערט, ווען זיי האבען זיך צוגעריהרט צו מיין האנד, און ייער קול האט געציטערט, ווען זיי האבען גערעדט מיט מיר; איך האבּ געזעהען וויא זיי האבּען געוויינט, ווייל איך האב זיי רוהיג געענטפערט: „ליעבּט מיך, אויב עס געפעלט אייך: איך ליעב אייך ניט“. יא זיי האבּען געוויינט, מענער מיט וואָנצעס, מיט בערד!... איין מאהל האט מיט מיר פּאסירט עטוואס שרעקליכעס... דיא מאמע איז געווען עטוואס מיעד, און איך האב אויפגענומען דיזען שבת אנשטאט איהר. ארום זעקס דעם זייגער בין איך געווען אין קליינעם גאסט־צימער צו זאמען מיט א פינף — און — דרייסיג־יעהריגען דיפּלאָמאט, וועלכער האט זיך געשרבנט צו מיר. וואס איז עס פּלוצלונג געווארען מיט דיזען בעמטען? מיר האבען זיךביידע אנגעבויגען איבער׳ן אלבום (איך וועל זיין אפענהערציג, עס איז מיר געווען אנגענעהם אונטערצושטעלען מיין האלז אונטער זיינע נאדלעכבער)! פּלוצלונג האט ער ארויסגעלאזט פון דיא הענד זיין צילענדער, האט מיך ארומגענומען און געוואלט א קוש טאהן אין דיא ליפּען. יא, גלייך אין דיא ליפּען אריין! איך געדיינק, איך האבּ זיך אזוי שטארק געוועהרט, אז איך האבּ מיר צודריאפּעט דיא האנד אן דער פון אין זיין האלז־באנד פערבלוטיגט געווארען דערזעהענדיג דיא בלוט, וועלכע האט גערונען פון דער צודראפּעטער האנד, איז דער דיפּלאָמאט ניכטער געווארען, ער האט אופגעהויבען דעם צילענדער און און איז אנטלאפען, ניט זאגענדיג קיין ווארט. מעהר האב איך איהם ניט געזעהען...

א, דיזע זאנדערבּארע קראפט, פון וועלכער עס ציטערען דיא הענד בּיי מאנסבּילען, עס רייסט זיך אב דער קול, עס צינדען זיך אן דיא אויגען, וועלכע וואנדעלט פלוצלונג אום דעם אנשטענדינסטען בּעאמטע פון דער געזאנדשאפט אין א פרעכען פערנוואַלטער, דיזע אונזעהבארע קראפט, וועלכע איך האב אזוי אפט ערוועקט מיט מיינע גרויע אויגען

מיט׳ן נערוך פון מיינע האאר . מיט דער בעריהרונג פון מיין הויט, — איז זיא אויך דא אין אונז , פרויען , מיידלאך ? איז זיא אויך דא אין מיר! אויב עס עקזיסטירט ערגיץ אין פאריז, ערגיץ אין דער וועלט א מאן, וועלכער וועט קענען ענטדעקען אין מיר, בעלענען דיזע קראפט,— זאל ער קומען : איך בין זיינע זאגאר, גענגען דעם ווילען פון דיא עלטערען און איך דארף אפילו ניט איהם „אכטען", וויא עס זאגט פאפא , אום צו ליעבען !

אבער אָ ! איך האב שטארק מורא , אז עס עקזיסטירט ניט אזא ענטדעקער פון אוצרות, — ריכטיגער , איך האב מורא, עס איז ניטא אזא אוצר אין דער ארימער געפיהללאזער זשוליען ! פעפיטא האט ליעב צו זאגען : „מיינע ליעבעס-עראינערונגען!" געוויס פערמאג איך זיי אויך דיזע „ליעבעס-עראינענונגען" !... אבער, וויא טרויעריג עס זאל ניט זיין זיך מודה צו זיין — יעדען מאהל, וואס איך דערמאהן מיך וועגען זיי גלוסט זיך מיר לאכען ,

איך רעד ניט וועגען דעם דיפלאָמאט . ער האט אויסגעזעהן צו לעכערליך נאך זיין אנפאל ; דער האלזבאנד האט זיך ארויסגעשלאגען פון אונטערן וועסט , דער ציכענדער, קייקלענדיג זיך איבער דער פאָצלאָגע, האט זיך צו שויבערט, זיינע האאר , אימער אזוי ציכטיג צו נעקאמט, האבען זיך צרקודלעט, און אין גאנצען איז ער געוועזן אזוי צו מישט און צו טומעלט, רויטה און בלייך אז עס איז געוועזן א רחמנות א קוק צו טאהן אויף איהם.

ניין, דער דיפלאמאט רעכענט זיך ניט , ווייל איך בין געוועזן צו איהם אין גאנצען גלייכגילטיג. אבער דריי מאהל האב איך דורכגעלעבט יענע לייכטע אויפרעגונג , און ביי מיר האט זיך דאן בעוועגט דער געדאנק : „איז דאס ניט זיא , ענדליך ? " ווער־זיא ? דיא ליעבע , דיא טייערע ניט ענרייכבארע ליעבע !...

צום ערשטען מאהל — ווען איך בין געוועזן צוועלף יאהר אלט... יא, איך בין פריה געווארען א גרויסע. אמת , זייט דאן האב איך זיך וועניג ענטוויקעלט. איך בין אזוי וויא יענע קינדער , וועלכע קענען צו

פיער יאהר כפלן פופצעהן־ציפערדיגע צאהלען, און דאן פאלען זיי דורך אויף אן עקזאמען אין אריטמעטיק.

אלזא צו צוועלף יאהר בין איך געווען פערליעבט אין א גימנאַסט. דיא עלטערען האבען נעהאט דיא אונפארזוכטיגקייט צו נעהמען מיך אין א זומער־צירק: דזיבעפפ, וואס האט נעציינט קונצען אויף דער טראפעציע, האט מיט זיינע פאָמאדע נעדקעטע האאר, מיט זיין טריקא און דרייסטע קונצען ארויס גרופען א גאנצע רעוואלוציאן אין מיין הארצען. דיזע ליידענשאפט האט לאנג ניט געדויערט, א קורצע צייט האב איך געצוואונגען, מען זאל מיך זעהר אפט נעהמען אין צירק אריין; נור עס איז זעהער שווער צו זעהען א מענשען, וועלכען דוא ליעבסט, ניט אנדערש, וויא אויף א שטרעקע פון הונדערט טריט, און דער לופטען. אום צו זעהען איהם נעהנטער, האב איך בעשלאסען אנצושרייבען איהם פאלגענדען בריעף:

„הערר דזיבעפפ,

„זעהער א רייכע דאמע, פון דער הויכער געזעלשאפט, פערעהרט אייך, אויב איהר ווילט זיך בעגעגענען מיט איהר, טא זייט מארגען אין דיא עליסע, פעלדער, אונטער „פעטרושקע“ אויף דער אללעע מאריני“.

און איך האב דרייסט אונטערזעשרייבען: הערצאָגינע דעמאילבוא. דאס איז געווען דער פאמיליען־נאמען פון מיין אלטער אם, נאָנאָן מאילבוא; דיא אם האט מיר ערלויבט צו בענוצען זיך מיט איהר נאמען. און אויפהויבען איהם אויפן שטאנד פון הרצאגנטהום. דאן האט זיא אוועקגעשיקט. דעם בריעף. און דעם צווייטען טאג זיינען מיר געזעסען לעבען „פעטרושקא“. איך האב געהאלטען אין דיא הענד א בוך צוליעב א אנשטענדיגקייט.

ער איז געקומען! גאט מייגער, וויא נאריש דיא מאנסבילען זיינען לכל הפחות — גימנאַסטען! גאנצע צוויי שטונדען האט ער געוואַרט אויף דער הערצאָגינע דעמאילבוא לעבען „פעטרושקא“. ער האט אפילו ניט פערדעכטיגט, אז דיזע בלום פון ארסיטאקראטיע נעפינט זיך אין א

מיידעלע אין קורצע קליידעלאך, אדער און אן אלטיטשקע מיט א פאט שוילע אויפן קאפּ, וועלכע האבען געקוקט אויף איהם און האבען זיך געשטיקט פאר געלעכטער. וויא נור איך האב דערזעהען דזיבעפּפּען אין ער נאהענט, איז מיין ליעבע פערשוואונדען, וויא א רויך ! יעצט, ווען ר איז ניט געווען נאקעט, איז ער געווען שרעקליך: א קורצינקער, א גראבער, א רויטער אנגעטאהן אהן געשמאק, עפּעס עהנליך צו א בוטשער אין א יום־טוב... איך האב זיך צוריקגעקעהרט אהיים און אויסגעהיילטע, זייט דאן ליעב איך ניט דעם צירק.

דיא צווייטע און דריטע פון מיינע ליעבעס בעלאנגען צו איין און דעם זעלבען יאהר, דאס איז געווען דעם ערשטען זומער נאכדעם, וויא איך האב אנגעהויבען ארויס צופאהרען דיא ערשטע ערפאלגען, האבען מיך, געוויינליך, פערשיכורט, דיא קאפּ האט זיך פערדרעהט א ביסעל.

אין דינאר, וואו מיר האבען פערבראכט דעם זומער, האט מען מיר פיעל אויפמערקזאמקייט געשענקט, מעהר פאר אלעס האט מיר הנאה געטאהן, וואס איך האב בעהערשט איינעם, א רעכטען דעפּוטאט. ער האט זיך שטארק ארויסגעזעהען, א שעהנער, אבוואהל שוין ניט קיין יונגער, א וויציגער, מיט א שיק... מיט איין ווארט, דער אינטערעסאנטסטער מאנסביל אין דינאר... אָ, איך בין געווען פאלקאם איבערציינגט, אז איהם וועל איך שוין ליעב קריגען ! עס האט זיך מיר געדוכט, אז איך קען שוין ניט לעבען אהן איהם. איך האב דיא גאנצע צייט געטראכט וועגען איהם, בין געווען צופרידען דער מיט, וואס איך קאמפּראמעטיר מיך אביסעל מיט איהם.

צו וואס האט זיך איהם פרעגלוסט בעטען מיין האנד ? דער גאנצער צויבער איז זאפּארט פערשוואונדען, איך זאל הייראטהען, איך ! האב נור וואס אנגעפאנגען א פרעהליך לעבען, ארויספאהרען אויף בעלער, קאקעטירען ! הייראטהען צו זעכצעהן מיט א האלב יאהר ! אָ, ניין !... אזוי האב איך קאטעגאריש געענטפערט מיין מוטער, ווען זיא האט מיר איבערגעגעבען דיזען פארשלאג...עס פערשטעהט זיך אז די

מוטער האט געפרופט מיך איינרעדען, נאכהער האט גענומען צו־רעדען דער פאטער.

אבער איך בין געבליבען ביי דאס ווייניגע עס ווייזט אויס. אז דאן בין איך געווען בעסער בעשיצט, וויא יעצט; זיי האבען געצווונגען נאכגעבען. אבער צוליעב דיזע לאנגע קריגערייען האב איך פיינד געקראגען דעם דעפוטאט, וועלכען עס האט זיך אין א שלעכטער שעה פערגלוסט חתונה צו האבען מיט מיר געגען מיין ווילען.

...דיזען זומער האבען געוואהנט אין דינאר אונזערע פריינד דע־ברועל, — א פאטער, מוטער, א קליין מיידעלע און א גרויסער בחור אונגעפעהר אין מיינע יאהרען, מאריס איז געווען זעהר א שעהנינקער, און אלע פרויען, ניט אכטענדיג אויף זיין יוגענד, האבען קאקעטירט מיט איהם. דאס איז געווען אונטאקטיש. אונטאקטיש און לעכערליך: ער איז געווען אזא שעהמעוודיגער, אז ער האט קיין זאך ניט בעמערקט, יעדערפאלס — ער האט זיך מיט קיין זאך ניט בענוצט. וויא נור א פרוי האט צו איהם א רעד געטאהן, פלעגט ער רויט ווערען, שטאמלען עפעס, ארויסלאזען דיא הענט פון האנד, זיך אנשטויסען אן א מעבעל שטיק... אבער מיט מיר פלעגט ער זיך ניט שעהמען.

אמת, איך בין געווען צו איהם זעהר גוט, צארט: איך האב דאך אימער געקענט זיך גוט צופאסען צו יעדען מאנסביל. עס האט מיר פערשאפט פערגניגען אויפצובעגען מאריסען, וועלכער איז געווען א מאנסביל ערשט נור אויף־דער — האלב. וואהרשיינליך האבען ערפאהרענע מענער דעמזעלבען פערגניגען צו רעגען אן אונשולדיג מיידעל.

ניט אכטענדיג אויף זיין שעהמעוודינקייט, האב איך א דאנק מאריס'ען ערפאהרען דעם אנגענעהמסטען געפיהל פון צערטליכקייט, וועלכען איך האב ווען עס איז געוואוסט. ער איז געווען זעהר רעליגיעז; איך בין זיכער, אז ער האט אפט מיט טרעהרען חרטה געהאט אויף דיא קלענסטער בעריהרונגען פון אונזערע הענד און באקען וועלבע איך

האב איהם ערלויבט !... יעדען זאנטאג זיינען מיר געזעסען צוזאמען אין קירכע... און איך האב מיט שפּאסהאפטען פערגניגען ניט געלאזט איהם דאווגען, שטיל צוטוליענדיג אונטער דער באנק מיין פוס צו זיינער...

צו וואס איז אזוי שנעל פערביי דער זומער ? ווארום האב איך מעהר ניט געזעהען מאָרים'ען ? ער איז אריינגעטראטען אין סיר — סירו און יעצט, וויא מען האט מיר דערצעהלט , איז ער אויף דער מלחמה, אין אינדאָ־קיטאַי. און ביי מיר איז שוין דאס הארץ אזוי געבוים, אז איך קען ניט ליעבען אין אבוועזענדען.

...אימיצער געהט איבערן קאָרידאָר . דאס איז דיא מאמע. וואס דארף זיא פון מיר ? עס איז דאך שוין בעשלאסען , — אין יאנואר האב איך חתונה.

מיינע חתנים

18... נאָוועמבער

מאנטאג אבענד, ווען איך האב זיך געלאזט געהען צו זיך, האט מיך דיא מאמע א קוש געטאהן און געזאגט מיט יענעם שטרענגען טאָן, מיט וועלכען זיא רעדט מיט מיר וועגען אלעם, וואס האט צו טאהן מיט מיין הייראטה : „ז ש ו ל י ע ן , דאנערשטאג צו מיטאג וועלען זיין ביי אונז צוויי פון י ע נ ע ה ע ר ר ע ן . דוא ביסט פארבערייטעט ; וויים, וואס דוא האסט צו טאהן.“ יא, איך בין געווען פארבערייטעט , אבער דוא מאמע האט געהט א טעות : איך האב דורך אוים ניט געוואוסט וואס איך דארף טאהן פון מאנטאג ביז דאנערשטאג א מיידעל, וועמען עס וועלען עקזאמענירען צוויי חתנים ? איך קען ניט ענדערען ניט מיין פיגור, ניט מיין געזיכט , איך האב קיין ציט ניט אויסצולערנען א נייע שפּראך , איינע פון יענע שפּראכען , וועלכע וויא עס פערזיכערט דיא

מאמע; ציהען צו אזוי שטארק דיא, וואס קלייבען זיך הייראטהען, -- ניטא אפילו קיין צייט אויף זיך צו בעשטעלען א ניי קלייד... און איך האב בעשלאסען צו בלייבען דיזעלבע, קיין זאך ניט ענדערען.

דאנערשטאג אבענד וועט ערשיינען פאר „יענע הערען" דיזעלבע זשוליען, וויא זיא איז געווען מאָנטאג, מיט א ווייסינקע מאַרדאַטשקע אונטער דיא רויטע האאר, פון זעלבען וואוקס, א מעטר מיט דריי און זעכציג צענטימעטרען, פלאפלענדיג קוים אויף צוויי שפראכען.

ווער זיינען דיזע הערען? איך שטוים זיך אן מעהר אדער וויניגער דיא מאמע וויל זיי ניט אנרופען; זיא האט מורא, איך זאל זיי ניט אנהויבען שעלטען; געוויינליך האב איך אזא שלעכטער מיינונג וועגען איהרע קאנדידאטען, אז נאכהער ריזיקירט זיא ניט צו ווייזען זיי פאר מיר.

„דיזע פראכטפאלע מענשען", האט זיא ערקלעהרט.— „טאקע פראכטפאלע, צו גוטע פאר אזא משוגענער, וויא דוא. איינער פון זיי איז ניט זעהר יונג, אבער דער צווייטער איז נאך קיין דרייסיג יאהר ניט אלט". דיא מאמע קען זיך אויסגעצייכענט אויסדריקען: זיא בעטראכט חתנים האָלסייל: מיט דיא גוטע מעלות פון איינעם פערדעקט זיא דיא חסרונות פון א צווייטען. וויל זיא שוין ניט, אז איך זאל הייראטהןביידע מיט אמאהל?

דער פאפא האט מיר געגעבען געניוערע אויסקינפטע. איך קען אלעס פון איהם ארויסקריגען, ווען שפאציר מיט איהם אין־דער־פריה אויף דיא יעליסעי פעלדער אדער אויף דער נאכט, ארום פינף דעם זייגער, איבער דיא בולווארען. איך נעה מיט איהם אונטער דער האנד, צוגעטוליעט צו איהם און אויפגעהויבען צו זיין בארד מיינע גרויסע גרויע אויגען... ווען מיר געהן פערביי, שטורכען זיך דיא שפאצירענדע איינער דעם צווייטען מיט דא עלענבויגענס; וואהרשיינליך, זאגען זיי: „זעה נור, אן אלטיטשקער מיט א לענטע, וואס פאר א שעהנינקע, רויטינקע ער האט עס צוגעטשעפעט!" און דער פאפא גלייכט זיך אויס שטאלץ!

ער איז אזוי צופרידען! אין דיזע מינוטען, ווען איך וואלט ניט זיין קיין עהרליך מיידעל, וואלט איך געקענט פעררדאפלען דיא סומע געלד, וועלכע איך קריג אויף אויסגאבען, און געקענט צווינגען איהם צו שענקען מיר אלע בריליאנטען וועלכע זיינען ארויסגעשטעלט אין דיא פענסטער.

זיך צוריק קעהרענדיג פון אזא מין שפאציער, האב איך זיך אנגעהויבען צו פרעגען ביי מיין ליעבען פאטער וועגען יענע צוויי „ארטילעריסטען", וועלכע וועלען דאנערשטאג ערעפענען זייער ערשטען פייער געגען מיר.

—ביידע זיינען זייער אויסגעצייכענטע מענשען, —האט ער געזאגט, און זיין געזיכט איז באלד געווארען דונקעלער. —ווירקליך, אויס־געצייכענטע, עס פערשטעהט זיך, צו גוטה פאר אזא...

—...משוגענע, וויא איך. איך האב עס שוין געהערט. צוליעב וואס, ווידערהאלסט דוא, וויא א פאפוגאי, דער מאמע'ס ווערטער?. דוא אליין ביזט אזא קלוגער.

קיין זאך בייזערט ניט אזוי דעם טאטען, וויא מען ווען דערמאהנט דיא אונגעהייערע ווירקונג פון זיין פרוי אויף איהם.

—וויא א פאפוגאי? וויא א פאפוגאי! דוא טהרסט ניט רעדען אזוי מיט מיר! איך קען אליין דערקענען מענשען פון ערשטען בליק. דער הערצאָג פלעגט אימער זאגען (דער טאטע איז געוועזען א פרעפעקט אין צייט פון דער אימפעריע אין פראנקרייך): זשיווערנע האט א שארפעס אויג און א געניטע האנד". ווייסטו דאס מיידעלע?

(נאך זאל איך ניט וויסען, וואס דער הערצאָג פלעגט זאגען! ווען איך בין נאך געוועזען דריי יאהר אלט, האט מען ביי אונז אין הויז אזוי אפט ווידערהאלט דיזע פראזע, אז איך פלעג צום ווארט פאפא אונבעדינגט צולייגען: אויג... האנד).

—דוא ווייסט גאנץ גוט טהייערער פאפא, אז איך בין פאלקאם איינשטימיג מיט דער הערצאָג'ס מיינונג! איבער דעם וויל איך טאקע,

זאלסט זיין מיין פיהרער... העלפען מיר מיט דיין ערפאהרונג... איך בין גאר ניט קיין מבין אויף מענשען, איך קען זיי ניט איינבייסען... און פלוצלונג וועלען זיי מיר ביידע געפעלען ווערען דאנערשטאג ?"

עס שיינט, אז אזא מעגליכקייט האבען מיינע אלטימשקע ניט פאראויסגעזעהען. און פארט, פלוצלונג וועל איך זיך פערליבען אין ביידע, אי אין יענעם, וואס איז שוין ניט יונג, און אין יענעם, וועלכע איז נאך קיין דרייסיג ניט אלט ? דעם פאפא'ס אויגען, וועלכע דער הערצאָג האט אזוי געלויבט, זיינען רונד געווארען; ער האט נאכגעדענקט.

„ביידע, — האט ער ענדליך ארויסגעזאגט, — קאנען אהן צווייפעל געפעלען ווערען. איינעם פון זיי קען איך בעסער און, פאלגליך קען איך איהם ריכטיגער אבשאצען. דאס איז הערר דע־ניוואר... פון א יאהר דריי און פערציג, א וועלטליבער מענש, א גלענצענדער...

—מיט וואס בעשעפטיגט ער זיך ?

פאפא האט צונויפגעקניוטשט דעם שטערן, אנגעשטרענגט זיין גאנצען מארך, אום זיך אנצושטויסען, מיט וואס עס קען זיך בעשעפטיגען הערר דע־ניוואר, און ענדליך האט ער גאנץ טרויעריג געזאגט:

—איך דענק, מיט גארניט.

און טאקע באלד האט ער גערופען צו הילפע דער מאמע'ס סיסטעמע אבצושאצען ביידע חתנים מיט אמאהל.

אבער דערפאר דער אנדערער — א יונגער־מאן מיט א גלענצענדער צוקונפט, א סעקרעטאר אין דער הויפט צעהלונגס־פאלאטע, אבוואהל ער איז נאך קיין דרייסיג ניט אלט. דאס איז זעהר גוט. און ווען עס איז וועט גאסטאָן סאלאנדיע זיין דער הויפט דירעקטאר אין א גרויסער אונטערנעהמונג... און פיעללייכט — א מיניסטער. און ער איז א גאנץ שעהנער.

—אבער, — ווענדע איך זיך צום פאפא נאך א קורצע איבערלייגונג

— עס האט זיך מיר אייסגעוויזען אז דיא מאמע האט גערעדט פון פיער פאסענדע פארטייען, ניט צווישען צוויי.

פאפא האט א שסייכעל געטאהן.

—יא, אבער גוט בעטראכטענדיג דיא קאנדידאטען האבען מיר זיך אבגעשטעלט נור אויף צוויי, וואס זיינען ווערטה דיא שעהנסטע פריילין אין פאריזש ; וייל,— האט ער צוגעגעבען, קושענדיג מיך, — דוא ביסט, ווירקליך, דיא שעהנסטע פריילין אין פאריזש.

...ארימער פאפא! איך וואלט געוואלט האבען אזא מאן, וויא ער, און דיא מאמע ערגערט עס איהם אזוי!

אלזא:

דער שיקזאל שרייבש מיר פאר צו זיין דיא פרוי אדער פון און ערנסטען יונגען מאן, אדער פון אן ערוואקסענעם לעבע־יונג... איך וועל זיך דערמאהנען... ניין, איך האב קיין מאהל ניט געזעהען, אפילו ניט אויף א בילד, א גלענצענדען סעקרעטאר פון דער הויפט צעהלונגס־פאלאטע, וועלכער קען נאך ווערען א מיניסטר, אבער איך האב, דוכט זיך, אמאהל בעגעגענט באראן דער־ניוווער, עפעס אויף א שמחה אין קלוב.

וויא איך געדענק, האט ער זעהר ווייניג האאר; אבער, דער פאר, וויא עס וואלט געזאגט דיא מאמע, האט ער א בויך, א, גאר א קליינינקען. איך מאך מיט איהם דורך דעם עקספערימענט וועגען וועלכען איך האב שוין געשריבען אין דיזען טאגעבוך: איך שטעל מיר פאר הערר דע־ניווערען אויף מיין געלעגער, ביי מיין זייט. און דיזעם בילד וועקט ניט אין מיר קיינע שטארקע פערלאנגען; אבער זיא רופט אויך ניט ארויס ביי מיר קיין עקעל, אויב איך נאר זיך ניט, איז דער באראן זעהר אויסגעהאדעוועט, ער האט א שיק, און הערר סאלאנדיע, וויא דער פאפא זאגט, איז זעהר א שעהנער, און דער צו איז ער יונג. פון'ם שטאנדפונקט פון א „געמיינשאפטליכען געלעגער" איז ער, דוכט זיך, אויך צו דערליידען.

דער גורל איז נעווארפען ! א דזשענטלמען א לעדינגעהער אדער אן איינפאכער יונג מיט א צוקונפט , — איינער פון אייך , נעעהרטע הערען, וועט אין יאנואר אברייסען דעם בלום פון אונשולד פון זשוכיען זשיווערנע. איבער דריי מאָנאַט וועט אין מיין פאקעט־בוק זיין א וויזיט קארטע :

באַראָנעססע דע־ניוער

אדער אט אזוי :

מאַדאַם גאַסטאָן סאַלאַנדיע

...וויא נאריש איך בין ! עס האט זיך מיר פלוצלונג פערגלוסט אנצייכנען אין מין טאגעבוך נאך א דריטע קארטע און אנשרייבען : „מאדאם מאָרים דע־ברועל.״ וואס פאר אן אונזין ! זייט איך האב ארויסגערופען דיא אלטע דינאַרישע עראינערונגען, דענק איך אפט־אפט וועגען מאָריסען...

וואס האט פאסירט מיט איהם , מיט דיזען ארימען לייטענאנט אין דער אבשייליכער בינא , וואו ער האלט מלחמה ? אך, ווען ער שטויסט זיך אין צוריקצוקומען יעצט , ווען מען מוטשעט מיך אזוי אום אריינצרווארפען אין די ארעמס פון מענשען , וועלכע איך האב , — פיעללייכט וואלט ער געהייראט מיט פריילין זשיווערנע , און איין לייטענאנט וואלט נעמאכט אן אנגענעהמע הייראטס־רייזע !...

אבער איך קען דאך איהם ניט אנשרייבען, ער זאל קומען, וואס ושע זא[illegible] טאהן ? איבעררעדען מיט דער מאמען ? אבער זיא וועט דענקען, אז איך געה אראב פון זינען... פיללייכט , פארזיכטיג

Labor Library

אויסצופרעגען דעם טאטען... איהם וואָלט ניט געווען שווער צו דערוויסען זיך, וואו מאַרים איז יעצט, צו ער וועט אין גיכען קומען קיין פאריז, צו עס איז א פאסענדע פארטיי"...איך וועל איהם זאגען, אז דאס איז נויטיג צו וויסען פאר פעפיטא, אז זיא איז פערליעבט אן מאַרים'ען ער וועט זיך אלעס דערוויסען, און וועט זיך פון גארנישט ניט אנשטויסען...

„א שארף אויג... א פעסטע האנד !..." פלעגט זאגען דער הערצאָג.

דיא בעקאנטשאפט.

18. נאָוועמבער

ניט פרעהליך זיינען מיינע לעצטע מיידעלשע טעג ! דער הימעל איז אימער גרוי, עס רעגענט אהן אן אויפהער, פעפיטא איז נאך אלץ אין סקאטלאנד ; זיא וויל זיך ניט צוריקקעהרען, ווייל זיא האט צווישען דיא יענע נייער בעקאנטשאפט געשלאסען, און דאס וואס זיא שרייבט מיר פון איהרע אונטערהאלטונגען איז זא וואס פיקאנטעס, דאס קוים לעז איך עס איבער, מוז איך דעם בריעף גלייך פערברענען:

דיא מאמע וואלט זיכער געקראגען א שלאג, ווען זיא לעזט דורך באטש צעהן שורות... צווישען אונז און אונזערע מוטערס איז א טיעפער אבגרונד.

צו אונטערהאלטען זיך קענען מיר קלייבען צווישען טרוימען און טרעהרען, אבער טרעהרען הויבען מיר אן צו דרעסען, און דער צו, ווענען וואס זאל איך אייגענטליך וויינען ? וואס ווער איך אן מיט מיין הייראטהען ? מיין מיידעלשער לעבען איז, אין גרונד גענומען, געווען פוסט און נאריש, ניט פאר קיינע געלדען אין דער וועלט וואלט איך עס אנפאנגען פון אנהויב, זיך בעזארגען מיט א נייער ליעבעס—פערהעלטניס?

א ניין. דאנקע שעהן! איך וואלט עס ניט וועלען, וויא האב איך עס געקענט אוועקגעבען, אויב ניט מיין הארץ, איז אפילו מיין צייט, פערשוועגדען מיינע קרעפטען, אום צו געפעלען דיזע קליינליכע עגאָיסטען, יונגע און אלטע, וועלכע האבען זיך געשדכנט צו מיר? יעצט קען איך עס אזוי ניט פערשטעהען, וויא איך קען ניט פערשטעהען דעם פאקט, אז איך האב צעהן יאהר נאכאנאד געקליבען פאסט־מארקען.

ווען מען זאל קענען אנפאנגען דאס לעבען פון אנהויב, אזוי וויא מען הויבט אן איבער דאס ניי דאס אויסנעהען, אין וועלכען מען האט עפּעס פערפלאנטערט, — וואלט איך אט וואס פאר א לעבען געוואלט פאר זיך. איך וואלט געוואלט וואס לענגער צו פערבלייבען אן אונפערשטענדליך קינד, טאנצען און קרייבען מארקען ביז פופצעהן, ביז זעכצעהן יאהר; וואס וויטער אבצורוקען יענעם גרעניץ, נאך וועלכען אונוויסענהייט ווערט שוין לעבערליך, צו דיזע צייט וואלט דער שיקזאל אוועקגעשטעלט אויף מיין וועג א יונגען מאן, אונגעפעהר אין מיינע יאהרען, דאס עלטסטע — צוואנציג יאהר, נו צום ביישפּיעל, עפּעס א מין מאַרים דע־ברועל, וועלכען איך האב עס אזוי ניט געקענט אויסנוצען ביי אונזער בעגעגעניש אין דינאר! עס וואלט ניט געוועזען צווישען אונז קיין רעד וועגען דיזען נארישען שדכנען זיך; מיר וואלטען געפעלען געווארען איינער דעם צווייטען אהן קאקעטירען... עס וואלט ניט געוועזען שרעקליך, וואס מיר זעהען זיך אזוי אפט, וואס מיר פערווערדען אונזער צענטליכקייט אין אלטעגליכען לעבען; מיט איין ווארט, עס וואלט, גיט געוועזען קיין „יוגענד־פריינד... צו צוואנציג יאהר ארבייט דער מענט, בויעט זיין קאריערע... אין דיזע יאהרען— סען־סיר נאכהער ווייטע מלחמות. צו א יאהר פינעף און צוואנציג וואלט זיך מארים צוריק געקעהרט קיין פראנקרייך, א לייטענאנט, מיט דער האפנונג צו ווערען קאפּיטאן, מיט מעדאלען און בעלאהנונגען און... וויא געוועזען, פערליעבט, ער וואלט געהייראט מיט מיר, מיט א טיידעל,

וועלכע האט אזוי נעדולדיג און אזוי טריי געווארט אויף איהם...

ניט וואהר, וואס פאר א נארישער און פוסטער ראָמאַן? נו, און מיין ראמאן, דער ראָמאַן פון מיין ווירקליכקייט? מיינע צוויי — און דרייסיג לייכטזיניגע ליעבעס? דאס איז געווען קלוגער, ניט אזוי פוסט? און אלס פינאַל — דיא הייראטה מיט הערר גאסטאָן סאלאנדיע אדער מיט באראָן דע־ניוער, פאר וועלכע מען האט מיך ארויסגעשטעלט נעכטען צום ערשטען מאהל! ווייל אונזער בעקאנטשאפט האט ענדליך שטאטגעפונען נעכטען אבענד.

נעכטען אבענד פינף מינוט צו אכט. ווען דיא דינסט האט מיר געלאזט וויסען, אז אלע איינגעלאדענע געסט זיינען פערזאמעלט. האט שטאטגעפונען מיין ארויסגאנג אין געסט־צימער. איך האב עס ליעב און דענק, אז איך פיהר עס דורך כמעט אימער עפעקטפול. איך געה אריין, שטאלץ אויסגעגלייכט, איך קוק גלייך פאראויס, איבער דיא אנוועזענדע: איך זעה ניט און וויל ניט זעהן קיינעם פון יענע, וואס זוכען מיינע אויגען. פערקעהרט, איך קלייב אויס עפעס אן אלטע דאמע, וועלכע זינקט אין קרעסלע, אדער עפעס אן אונשולדיגען אלטיטשקען אין דעם טאטען'ס יאהרען, אדער גאר דיא מאמע — און ווענדע מיינע טריט צו דיזען פונקט. און יעדען מאהל ווערען אונבעדיענגט באלד איבערגעריסען אלע געשפרעכען; דיא גאנצע אויפמערקזאמקייט איז געווענדעט אויסשליסליך אויף מיר, דארף מען ניט האבען דערצו א ספעציעלען טאלאנט, און איז עס ניט א שאד, וואס עס קומט אויס צו פערשווענדען איהם אין אזא ענגען ווינקעל?

ביי נעכטיגען דינער, אויסער מיינע עלטערן, מיך און מיינע קאנדידאטען, זיינען אנוועזענד געווען:

גראף און גרעפין ד'אָב, אריסטאָקראטען פון דער אימפעריעס צייטען, ביידע צוזאמען זיינען אלט א יאהר הונדערט און פופציג.

לאנגווייליגע, אבער גוטע מענשען.

פרייליין עספאניע, א פופציג־יעהריגע מויד, מיין לעהרערין פון

מוזיק און דיא טהייערע אויסלענדישע שפראכען, מען מוז דענקען, אז דיא מאמע האט זיא איינגעלאדען, אום דיא קאנדידאטען זאלען קענען און פאל פון עפעס, באלד זיך דער וויסען איינצעלהייטען וועגען מיר, ווירקליך, דיא מאמע איז זעהר א פראקטישע פרוי...

מאדאם סאלאנדיע, דיא מוטער פון'ם יונגען סעקרעטאר פון דער הויפט צעהלונגס — פאלאטע, א פראסטע פרוי מיט אן ארויסשטעקענדען שטערען און רונדע אויגען. אין א פראסטען, אבער לעבערליכען טואלעט, זיא איז געווען אויסער זיך פאר פרייד, וואס זיא געפינט זיך אין אזא געזעלשאפט.

ביים טיש איז הערר דע־ניוואר געזעסען ביי דער מאמע'ס רעכטער האנד, הערר סאלאנדיע ביי דער לינקער. איך בין געזעסען צווישען מאדאם סאלאנדיע און הערר דע־ניוואר.

מאדאם סאלאנדיע האט באלד פערפיהרט מיט מיר א געשפרעך אין א פראטעזשירענדען טאן, וועלכער האט מיך באלד אנגעהויבען בייזערען. זיא האט פאר מיר געלויבט דיא ערנסטע טוגענדען פון איהר זוהן, וועלכען זיא האט אריסטאקראטיש גערופען מ י י נ ע ר: „מיינער לייגט זיך שלאפען יעדען טאג אום צעהן אוהר; מיינער געכטיגט אימער אין דערהיים,“ אבוואל ווען ער זאל נור ווילען, „וואלטען אלע פרויען מיט פערגעניגען“!... זיא האט מיר פערבייגעהענדיג געגעבען צו פערשטעהן, וועלכע מעלות דארף האבען איהר צוקונפטיגע שנור: גוטע מאניערען, שפארזאמקייט, ליעבע צו דער היים; „נו, עס פערשטעהט זיך, מען קען אמאהל געהען אין טהעאטער, אויף אן אבענד. דאס פאדערט דיא געזעלשאפטליכע לאגע פון מיינעם.“

אין דערזעלבער צייט האט „מיינע“, גלעטענדיג זיין שפיציג שורד׳ל (ער איז, ווירקליך א שעהנער מאנספיל), געהאלטען א גאנצע לעקציע וועגען דער אויספיהרונג פון'ם אויסערגעוועהנליכען ביודזשעט, פאפא, מאמא, הערר ד'אב, פרייליין עספאניע און אפילו

דיא אלטע ד׳אַב, וועלכע איז טויב, וואו א שטיק האלץ, האבען איהם נעהערט מיט צוועפענטע מיילער, און מאדאם סאלאנדיע האט מיר נעשעפּצעט אויפן אויער: „הערט איהם נור. קיין מיניסטער וייסט ניט אזוי פיל, וויפיעל ער"... איך האב א קוק געטאהן אויף הערן דער־ניוער; ער האט געענטפערט אויף מיין בליק מיט אן עהנליכען בליק פול מיט בעשיידענער איראָניע. און מיר האבען באלד דערפיהלט, אז מיר זיינען צוויי פערשיקטע אין א לאנד פון בארבארען הערר דער־ניוער איז ניט שעהן, אבער ער האט באלד בעוויזען אין מיינע אויגען זיין קאָנקורענט, מיט דעם אליין, וואס ער האט קיין ווארט ניט געזאגט ווענען דער דורכפיהרונג פון׳ם אויסערגעוועהנליכען ביודזשעט... אנניסענדיג וואסער פאר מיר, האט ער מיר געמאכט א קאָמפּלימענט ווענען מיין טואלעטע — און ער האט געקענט בעמערקען אין איהם פונקט דאס, וואס איז געווען אין איהם ווירקליך אריגינעל און אויפפאלענד... און מיר האבען אנגעהויבען שטיל רעדען ווענען שמאטעס, און „מיינער" האט פארטגעזעצט זיין רעדע, ערצהעלענדיג דעם טאטען און דיא מאמע, וועלכע קענען פיהרען זייערע אייגענע רעכנונגען, דעם אלטען ד׳אַב, וועלכער איז שוין עובר בטל און דיא טויבע אלטע ד׳אַב.

אבער, דער שעהנער סעקרעטאר איז נור פעדאנטיש, אבער ניט נאריש, ווען מען האט דערלאנגט געבראטענע פויגלען, האט ער זיך פערכאפּט, אז ער האט געמאכט א פעהלער:

—אונזער געשפרעך, איז געווים נמאס געווארען דער פריילין,— האט ער געזאגט.

—א ניין, מיין הערר,— האב איך נאַאיוו געענטפערט, — איך האב איהם ניט געהערט

און איך האב מיט פרייד דערזעהען, וואס פאר א שרעק עס האט זיך בעוויזען אויף דיא געזיכטער פון מיינע אלטיטשקע און דער גוטער עספּאַניע. מאדאם סאלאנדיע האט א ווארף געטאהן אויף מיר א בליק, וואס האט מיר שיער ניט איינגעשלונגען.

הערר ניוואר האט א שמייכעל געטהאן.

אביסעל א בעל־ידיגטער, האט „מיינער“ געזאגט :

— ווירקליך, אזא נעשפרעך איז ניט פאר דיא מיידלאך פון אונזער וועלט — טהייל. אין אמעריקע וואלטען זיי מיט פערגעניגען גענומען אין איהם אן אנטהייל. מאלט אייך. אין איינעם פון דיא נאָרדליכע שטאאטען געניסען אפילו דיא פרויען דיא וואהלען־רעכטע.

— הערסט, זשוליען ? — האט געזאגט דיא מאמע.

צו איך הער ! נאך וויא ! ער האט געווירקט אויף מיינע נערווען, דיזער עקאָנאמוסט מיט הייראטס־נייגונגען. איך האב עס איהם דייטליך ארויסגעצייגט, איך האב אנגענומען דיא בעשולדיגונג אין לייכטזיננינקייט, וועלבע זיין פראזע האט ענטהאלטען, אבער אויפגענומען וויא א קאמפפס — סטאנדארד. איך האב שטאלץ פערטהיידיגט מיין רעכט, דאס רעכט פון שעהנע פרויען , אויף אונוויסענהייט , אויף לייכטזיניגקייט, אויף משוגעת. איך האב געזאגט, אז איך ליעב בעסער א שפאס, אלס ערנסטקייט, שיק — אלס דיא קענטנים צו האלטען זיך און אפילו (זאל מיר גאט מוחל זיין דיזען פערראטה גענען מיינע פערבארגענסטע געדאנקען) קאקעטירען ציה איך פאָר דער ליעבע. איך האב געמאהלען א שרעקליכען בילד פון א מיידעל און האב געגעבען צו פערשטעהען אז איך אליין בין עס אזא מיידעל און האב קיין וואונש ניט צו ענדערען זיך...

ניין, מען האט בעדארפט זעהען דיא געזיכטער פון מיינע אלטיטשקע, דאס געזיכט פון עספאניע, פון דיא צוויי שטיקלאך פון דער אימפעריע, פון דער מוטער פון „מיינעם“ האט, ווייזט אויס, אם מייסטען פערוואונדערט, וואס עס האט זיך געפונען א מיידעל , וועלכע איז פעהיג צו ווידער־שפרעכען איהם און מיט דיא שטאכען פון איהרע שפילקעס צודארפען דיא דינע געוועב פון זיינע פראזען. נור איין ניוואר האט מיך אונטערשטיצט מיט דיינע שמייכלען און שטילע „בראוואָ'ס“.

דיא זיצונג האט זיך געענדיגט אין א פולע אונאָרדנונג. אין

גאסט־צימער, וואוהין מען האט דערלאננט קאפע, בין איך ווידער געווארען א פעלער — לאזע קארעקטע פריילין... אבער דעם איבריגען פובליקום איז טאקע ניט בעשערט געווען צו קומען צו זיך... מאדאם סאלאנדיע האט ניט געפונען קיין בעסערס, וויא צו זאגען:

— פיעללייכט וועט פריילין זשוליען שפיעלען אונז עטוואס?

— „א, געוויס, — האט געענטפערט דיא מאמע.

„א", — האב איך זיך געטראכט, — „דיר האט זיך פערגלוסט מוזיק? איז גוט! קריג דיין מוזיק! הער!"

איך האב זיך געזעצט צום פיאנא און האב אנגעהויבען שפילען, אהן אן אויפהער אלעס, וואס עס מיר אויפן זינען געקומען; דאס האט אביסעל בערוהיגט מיינע נערווען — צו קלאפען איבער דיא שווארצע און ווייסעביינדלאך. א, דיר האט זיך פערגלוסט מוזיק! טא נא דיר, נא דיר! נא דיר מאססענע! נעהם צו! מאצארט! נעהם צו! סערפעט, וואגנער, בעטכאווען, גריג, לעקאק, בערליאז, טשאיקאווסקי, אלץ איינס ווער, אלע אין א רייהע, ווער עס האט זיך אונטערגערוקט, איינער נאכן צווייטען, קופעגוויז! א דריי פערטעל שטונדע, אהן אן אויפהער!... נאכהער האב איך זיך אומגעקעהרט און האב בעטראכט מיינע צוהערער זיי האבען דערמאהנט א פארם נאך א האגעל!... זיי האבען זיך בענוצט מיט דער מאמענטאלער שטילקייט און זיינען אנטלאפען, איך האב מיט דער רעכטער האנד געריהרט דיא ביינדלאך, און זיי האבען געציטערט, אז איך וועל ווידער אנהויבען... אין פינף מינוט ארום איז דער גאסט־צימער געווען פוסט.

צו מיר איז צוגעקומען דיא מאמע.

— ערקלעהרט זייט מוחל מאדעמואזעל...

אבער איך האב זיא אונטערבראכען:

— הער נור" מאמע, דו ווייסט, איך בין א גוטע און זעהר זעלטען לייד איך פון צורודערטע נערווען היינט זיינען זיי זעהר צורודערט, איך בעט

דיך, פערלאז מיך. מיר וועלען זיך מארגען דורכרעדען. וויפיעל דוא וועסט וועלען.

און איך האב זיך שנעל אויפגעהויבען.

היינט אין — דער — פריה, אראבגעהנדיג צו פריהשטיק, האב איך ערוואַרטעט צו בעגעגנען אויסגעצוויגענע געזיכטער, אָ, א וואונדער! מיינע אלטיטשקע האבען געשמייכעלט, האבען מיך געקושט, זיינען גאר נעווען צוקערדיגע!

וואו איז דער שליסעל צו דיזער געהיימניס! ערשטענס, האט זיך דער טאטע געכטען אבענד בעגעגענט מיט'ן באַראָן אין קלוב, און דער באראן האט איהם געזאגט:

—טייערער זשיוורנע, אייער טאכטער איז בעצויבערענד... איך האף, איהר וועט מיר ערלויבען אבצושטאטען גאר אין גיכען נאך א וויזיט דיא דאַמען.

נור וואס איז נאך מערקווירדיגער, — א שטונדע פאר'ן פריהשטיק האט מען געבראכט א בריעף פון מאדאם סאַלאַנדיע. דיא אלטע הענדלערען מיט נים שרייבט, אז אויף איהר זוהן האבען געמאכט א שטארקען איינדרוק דיא בענעהמונגען און קלוג־שאפט פון פריילין זשוליען"... און זא ווייטער, א. ז. וו. צום שלום פרעגט זיא, צו מיין מוטער קען זיא אויפנעהמען מאנטאג, אום דורכצורעדען זיך ערנסט".

...פעפיטא איז פאלקאם גערעכט, ווען זיא זאגט: „מיין קליינע זשוליען, מיט צוויי מינים מאנסבילען דארף מען האנדלען גראָב, אים עטוואס ארויסצוקריגען פון זיי, — מיט בעדיענער און חתנים."

דער פאַרגעצויגענער

נאָוועמבער..... 18

אט אין וואס פאר א צושטאנד עס זיינען מיינע הייראטס־געשעפטען.

ע ר ש ט ע נ ס, הערר גאסטאָן סאלאַנדיע האט זיך געאײלט אװעקצושיקען זיין מוטער צו מײנע עלטערען מיט א מיסיאָן, דורך א שפּאַלט אין טיהר אין רעם קליינעם גאסט־צימער האבען מיר מיט פּעפּיטאָן, — זיא האט זיך צוריקגעקעהרט פון סקאָטלאַנד, — אונטערגעהערט דיא אונטערהאנדלונגען. אך, וואס פאר א צוּיבערליכער קאָנגרעס דאס איז געװען! דיא מאמע האט געװײנט, דער טאטע האט אויסגעזעהען שטאלץ, וויא א פּרעפעקט; דיא אלטע סאלאַנדיע האט געלויבט איהר סחורה, וויא עס האט זיא וואהרשײנליך געלערענט דער זוהן, שיקענדיג זיא צו אונז. צום אונגליק, האט זיא צוגעלייגט פון זיך אליין, זארגענדיג פאר דיא „צוקונפט פון איהר איינעלע", וויא זיא האט זיך אויסגעדריקט, האט זיא כמעט פון דיא ערשטע ווערטער, אנגעריהרט דיא פראגע װעגען נדן. זיא האט בעהאנדעלט דיא פראגע וויא אן אלטע הענדלערקע מיט קאָלאָניאלע סחורות, אריינשטעלענדיג יעדע ווייכע ניט שהנע, גראָבע פראזען:

„אָ, דיא רענט... אין מיינע אויגען האט עס קיין ווערטה ניט. דוא קענסט קיין מאל נים וויסען, וויא לאנג מען וועט זייא אויסצאהלען.

„אייער שלאָס אין אואז?... יא, מיך האב זיך ערקונדיגט... הונדערט טויזענד פראנק וועט קאסטען צו פיקסען איהם."

ביים פּאפּא האבען זיך דיא אויגען ברייט געעפענט; איך האב געזעהען, אז דאס געשעפט צופאלט.

—לאמיר ענדיגען אונזער געשפּרעך, מאדאם — האט געזאגט מיין גוטער פאטער נאך א פערלעגענדער פראזע פון סאלאַנדיע; — ענטשולדיגט מיך, פיעלליבט פערבלענדעט מיך דער פאטערליכער שטאלץ, אבער איך רעכען עס גאנץ ענאל, וואס פאר א נדן מיין זשוליען פערמאגט, זיא איז צו גוט אליין און שטאמט פון א גוטען יחוס, און איך וויל, איהר מאן זאל דענקען דאס זעלבע.

מאדאם סאלאַנדיע איז וויא פון דער לבנה אראבגעפאלען.

—אבער, מאָסיע, — האט זיא ערווידערט, — גאסטאָן דענקט

פונקט דאסזעלבע, גאסטאָן איז אזוי אונגעלדזיכטיג. דאס רעכען איך זיין מוטער, פאר מיין פליכט צו פערטהיידיגען זיינע אינטערעסען, איהר דארפט עס פערשטעהען... און גאסטאָן וואלט גענומען אייער טאכטער אפילו א נאקעטע!...

—איך זאָל עס דענקען! — האט א מורמעל געטאהן פעפיטא.

דיזער גרויסמוטהיגער פארשלאג האט ניט געמאכט קיין איינדרוק אויף מיינע אלטיטשקע; הערר גאסטאָן סאלאנדיע וועט מיך ניט קריגען ניט קיין נאקעטע, ניט קיין אויסגעפוצטע, נאך דיזען געשפרעך האבען דער טאטע און דיא מאמע מיך בעשאטען מיט קושען און ערקלעהרט, אז זיי וועלען קיין מאהל ניט איינשטימען אבצוגעבען מיך אין דיא הענד פון אזעלכע לייט.

—מען דארף הייראטהען א מענשען פון דעם זעלבען גראד, — האט געזארגט דער פאטער.

...אזוי איז ליקווידירט געווארען דער ערשטער פון מיינע פרעטענדענטען,

צ ו ו י י ט ע נ ס, איך האב ערהאלטען פינקטליכע און פרישע נייעס וועגען מיין לייטענאנט, מאָריס דע־ברועל, פעפיטא האט איינגעראמט דעם טאטען א צוויי־דריי פראזען בסוד, און דער שטרענגער פרעפעקט האט זיך אוועקגעלאזט אויף אן אויספאָרשונג, מלא שמחה, וואס ער קען העלפען אן „עהרליכע אינטריגע״... אך, דיזע פעפיטא! א שרעקליכער מענש! מען האט בעדארפט זעהען, וויא זיא האט מיט אראפגעלאזטע אויגען געשעפצעט דעם פאטער:

—יא, מאָסיע... דאס איז מיינע א יוגענד־פריינד, איך האב איהם שוין לאנג ניט געזעהען, און האב איהם קיין מאהל ניט פערגעסען... און מיר האט זיך אימער געדוכט, אז עס איז ניטא אויף דער וועלט נאך אזא מענש, וויא מאָריס.

מיט א מינוט שפעטער, ווען מיר זיינען פערבליבען אין צווייען, האט זיא מיר דערצעהלט וועגען איהר לעצטען בעקאנטשאפט מיט א

יענער אויף גראסען... דיא העלדען פון וואַלטער סקאָט. וואלטען רויט געווארען פון דיזער ערצעהלונג, און איך — איך האב געלאכט... עס איז מיר געפעלען — אבוואהל איך בין נאר ניט אויסגעלאסען.

אט וואס איך האב זיך דערוואוסט וועגען מאַריס׳ן. פערלאזענדיג סען־סיר, איז ער אריינגעטראטען אין דיא פלאָטע, פערבראכט א יאהר אין טאָנקין, פערוואונדעט געווארען אין רעכטער האנד, געקראגען אן אָרדען. פאהרט אוועק פון דיא קאָליאָניען אין אנפאנג פון קומענדען יאהר. הייסט עס, ער וועט זיין אין פאריז אין דיא ערשטע טעג פון פעווראַל.

ליידער אבער וועל איך שוין זיין פערהייראט !... (איך האב גאנץ א פענהערציג אנגעשריבען דיזען ל י י ד ע ר !, אבוואהל איך זעה, אז עס איז א ביסעל לעכערליך).

ד ר י ט ע נ ס. און הערר דע־ניווער?

הערר דע־ניווער איז יעצט דער הויפט גינסטלינג. מיינע אלטע, פעפיטא, אפילו איך אליין — מיר זאגען אלע „איינשטימיג פאראויס, אז געוויס, וועט ער ערקלעהרט ווערען זינער אין דיזער יאָגעניש פון חתנים.

געוויס, בין איך ניט פערליעבט אין באַראָן דע־ניווער, אבער ער געפעלט מיר שטארק, איך בין איהם דאנקבאר דערפאר, וואס ער פיהרט זיין קאמפף אזוי ריינט, אזו בעשיידען, וויא אן אמת׳ער דזשענטלמאן, ער איילט זיך ניט, ניט מיר אימער צו פערשטעהען, אז איך בין פאלקאם פריי, אז ער שרכנט זיך צו מיר, ניט פאדערענדיג גארנישט, כמעט ניט האפענדיג אויף גארנישט — און גאנצען צוליב דעם פערגעניגען צו זעהן מיך אפט.

זיינע וויזיטען, אין אנפאנג זעלטענע, ווערען ביסלעכווייז אלץ אפטער, ניט אנעטהמענדיג אבער קיין רעגולמעסינקייט, ניט איבערגעהענדיג אין קיין געוואהנהייט. ניט צווייפלענדיג אין דער איינשטימונג פון מיינע עלטערען, וויל ער, שיינבאר, אויסווירקען מיין איינשטימונג, אהן זייער איינפלוס, ער האט שוין עררייכט דאס. וואס

מיר איז אנגענעהם צו זעהען איהם, און וואס מיר איז אביסעל אומעטיג ווען ער קומט ניט. מיר רעדען װעגען אזעלבע אינטערעסאנטע זאכען! װעגען טואלעטען רעדט ער, וויא א פרוי, אבער עפעס קליגער און זיכערער: דערזעלבער אונטערשיד, איז אין שפּילען דיזעלבע סאָנאַטע צווישען א שילער א שילערין פון דעם קאָנסערוואַטאָריום. אבער בעזאנדערס אפט רעדען מיר, אבסאלוט ניט שעהמענדיג זיך איינער פארן צווייטען, װעגען דעם, וואס אינטערעסירט אם מייסטען יונגע מיידלאך און ערוואקסענע מענער — װעגען ליעבע.

יא, װעגען ליעבע! אָ, קיין ציניזמוס ניט. איך האב אבסאלוט ניט ליעב ענגלישע יענער. אבער פון מיין פערגאנגענעם קאָקעטירען איז פערבליבען דיזע נייגונג צו לייכטע געשפּרעכען, ווען דיא דרעסט זיך דיא גאנצע צייט ארום א פערבאָטענעם פלאַם, אבער ער בריהט דיך ניט...

„צו, מיין טאכטער, ווען זיא וועט ווערען צוואנציג יאהר אלט", אונטער דיזען טיטעל פערשרייב איך מיין לעצטען געשפּרעך מיט הערר דע־ניוואר (אייערנעבטען, פינף דעם זיינער; דער קליינער גאסט־צימער נאך זאנען אונטערגאנג אויפ׳ן טישעל — א קליינינקעס לעמפּעלע).

איך. איך — ראָמאַנטיש?... אָ, אויף קיין האאר ניט. איך פאדער ניט פון דער צוקונפט קיין אויסערגעוועהנליכעס גליק. איך וואלט נור געוואלט זיין פערזיכערט. אז איך וועל ניט זיין אונגליקליך.

הערר דע־ניוואר, איך פערשטעה אייך זעהר גוט. אבער מען קען דאך זיין אונגליקליך אויף אזוי פיעל אופנים!

איך. אָ ניין! געוויס, ווארט נור, איך וויל איהר זאלט מיך פערשטעהען. איך וואלט געווען אונגליקליך ווען מיין מאן וואלט מיך ניט בעהאנדעלט מיט דערזעלבער ליעבע, וויא עס האבען מיך בעהאנדעלט מיינע אלטע. אבער דערפאר וואלט איך איהם פערגעבען יענע קליינע פעהלערען פון האראקטער, װעלכע זיי ביידע בעזיצען. א גוטע בעלאהנונג, ניט אזוי?

הערר דע־ניוואר. און איהר ווילט מעהר קיין זאך ניט?

א י ך. איך בין דאך געװען גליקליך ביז יעצט!

ה ע ר ר ד ע־נ י װ ו ע ר. איהר זיינט געװען גליקליך, װייל איהר האט אונבעװאוסטזינג געגלויבט און אייער פרויען־גליק... אבער איהר װייסט גוט, אז איהר האט א רעכט אויף עטװאס אנדערש און עס װעט קומען אטאג, װען איהר װעט אויפפאדערען דיא צוקונפט זיא זאל אייך בעצאהלען איהר חוב, אין דיזער אדער יענער פארמע... דיא הייראטס־פארמע איז דיא זיכערסטע, אבער פאר דיזען צװעק איז נויטיג א מאן, װעלכער איז װערטה אייער צוטרויען!

א י ך (ז ע ה ר ע ר נ ס ט). נאך װעלכע סמנים קען א מיידעל דערקענען אזא מאן?

ה ע ר ר ד ע־נ י װ ו ע ר. א געװיס נים נאך דעם פייער פון איהר הארצען און נאך דער פיזישער נייגונג, װעלכע זיא פיהלט צו איהם; ניכער — נאך דעם מאראלען צוטרויען, װעלכען ער רופט ארויס ביי איהר. אין ליעבע, װיא אין געשעפטען, איז עהרליכקייט א זיכערער בעל חוב, װיא רייכטהום...

(הערר דע־ניװוער װערט אנשװיגען און קוקט אויף מיר. איך פיהל, אז ער טרעפט אלע מיינע ארגומענטען, װעלכע איך װאג נים אויסצו־שפרעכען. ער איז שיינבאר, אויפגערעגט, נעהמט מיין האנד; זיין קול ציטערט לייכט).

ה ע ר ר ד ע־נ י װ ו ע ר. א, מיין טייער קינד! װיא זאל איך אייך איבער ציינגען דיא װאהרהייט, װעלכע איז פאלקאם בעװיזען געװאָרען אין לעבען, אז ליבען איז נור א שװאכע קאָזער אין׳ם שפיעל אויף גליק, אבער זיין געליעבט איז א זיכערער געװינס?... מיך שױדערט א טראכט צו טאהן, אז אימיצער, איך װייס ניט װער, נור דערפאר, װאס ער איז יונג, װעט האלטען אין זיינע הענד אייער שיקזאל... נאט מיינער װאס װעט ער מאכען פון אייער לעבען? און איך, איך װאלט גיכער שטארבען, איידער װירקען, אז דיזע אויגען זאלען פערגיסען באטש איין טרעהר.

ער איז פּלוצלונג אויפגעשטאַנען, האָט אַ קוש געטאָהן מיין האַנד און איז אַרויס פון גאַסט־צימער, דיזע פראַזע האָט צום ערשטען מאָהל אויפגעדעקט, אַבוואָהל זייער דונקעל, זיינע טרוימען. איך מוז צוגעבען אַז איך בין געווען זעהר גערירט. איך האָב נאָך קיין שום וואונש ניט צו טהיילען מיין געלעגער מיט הערר דע־ניוועריען (מיט מאָריסען — יאָ!), אַבער עס וואָלט מיר געווען אַנגענעהם אוועקצולייגען אויף עטליכע מינוט דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט.

דער מאַמע'ס אַנזיכטען,

דעצעמבער ...18

מיר פערברייננגען דעם האָניג — מאָנאַט, אין פיהרען — פּאַפּאַ, מאַמע, הערר דע־ניוער און איך. דער באָראָן האָט נאָך ניט געמאַכט קיין פּאָרשלאַג, אַבער „זיינע געפיהלען (וויא עס זאָגט דיא מאַמע) זיינען פאַר אַלעמען קלאַר". דיא פרייד, וואָס איך בין פערזאָרגט, אַזוי גוט פערזאָרגט האָט אין גאַנצען פערענדערט מיינע אַלטע. איך דערקען זיי נוט. אַזוי וויא זיי האָבען עס חתונה. זיי הויבען ווידער אָן צו פערליעבען זיך איינער אין צווייטען. פערביי דיא געוועזענע קריגערייען, עס זיינען ניטאָ מעהר דיא שטעכווערטלאַך נאָר אמתע צופרידענהייט הערשט אין יעדען ווינקעלע.

איך (וויל נאָך אַלעמען בין איך אַ דערקענדע פערזאָן), האָב הנאה וויא דער שיקזאַל האָט זיי אַריינגענאַרט: זיי האָבען געוואָלט מיין שידוך, וויא... אַן ענגאַיסטישען גליק, און ווען איך וועל אוועקפאָהרען, וועס איך גאַנץ גוט, אַז צוזאַמען מיט מיר וועט אוועקגעהען פון הויז יעדע פרעהליכקייט, יעדעס לעבען!... אָרימע אַלטיטשקע! איך וועל ניט אויפהערען צוליעבען זיי און וועל זיי ניט לאָזען צו פיהלען צו שטאַרק זייער איינזאַמקייט.

איך בעמערק, אז איך רעד וועגען דיזער הייראט, אפילו מיט זיך אליין, אזוי וויא דער גייסטליכע און דער נאָטאר וואלטען שוין געטאהן זייער ארבייט. און דאך האט נאך קיין זאך ניט פאסירט, עס האט זיך נאך אפילו ניט אנגעהויבען. אמת, הערר דע־ניוואר האט זיך מיר במעט ערקלעהרט אין ליעבע, אבער ער האט קיין מאהל נאך ניט אויסגעדריקט א קלאהרען וואונש צו הייראטהען מיט מיר. לאמיר נור א וואונק טאהן, אז איך וויל ניט, — און ער וועט א קוש טאהן מיין האנד און וועט אוועקגעהען, אום שוין קיין מאהל ניט צוריקקומען. יא, עס האט נאך ניט פאסירט אזוינס, וואס מען זאל ניט קענען פעררריכטען. אבער איך פיהל, וויא אויף מיר, אזוי וויא אויף אנדערע, רוקען זיך שטיל אן פאסירונגען, עטוואס אונפרנמיידליכעס... מיר פאר מיין גליק איז הערר דע־ניוואר אבסאלוט ניט נויטיג ; נאך מעהר, אייך וואלט פיעללייכט בעסער געוואלט צו האבען אן אנדערען פאר א מאן... און דאך וויים איך, איך בין איבער צייגט : אז נור הערר דע־ניוואר וועט זיין מיין מאן : דאס איז אזוי ערגיץ אנגעשריבען אין בוך פון זשוליען דע־זשיווערנע׳ם שיקזאל . נו, טא זאל זיין אזוי !

איך נעהם אן דאס אונפערמיידליכע.

נור איין זאך בעאונרוהיגט מיך נאך אלץ : איך וואלט געוואלט זיין אן עהרליכע פרוי, וויא איך בין געווען אן עהרליך מיידעל. אבער איך האב ניט ליעב הערר דע־ניווערען פיזיש, דאס איז פאר מיר קלאהר איך פיהל ניט קיין וואונש צוצוטוליען מיינע ליפען צו זיינע. איך האב אמאהל יא, געשפירט דיזען וואונש—פאר וואס זאל איך זיך ניט מודה זיין ? — אמת, עס איז געווען א מאמענטאלער, ניט קיין טיעפער פערלאנג,

איז עס ניט א געפאהר צו הייראטען א מאן וועלכע רעגט דיך ניט אויף פיזיש , ווען דוא פיהלסט, אז אן אנדערער איז פעהיג אויפצורעגען דיך ?

עס איז אן ערנסטע פראגע דאס, וואס איך וויים ערלויבט מיר ניט זיא

צו ענטשיידען מיטוועמען זאל איך זיך אן עצה האלטען ? מיט פעפיטא ? אבער זיא פערשטעהט גאר ניט אזעלכע פראגען פון געוויסען... מיט דעם טאטען ? ער וואלט, זיכער, פערשטאנען מיך, בעסער וויא אן אנדערער, און איך וואלט זיך גאר ניט געשעהמט צו פרעגען איהם אבער ער אליין ווערט אין אזעלכע פעלע שעהמעוודיג... וויא נור עס ווערט פערפיהרט א געשפרעך וועגען מיין הייראט, ניט וועגען איהר געשעפטס־זייט, נור וועגען הארצענס־פראגען, — הויבט ער אן רויט צו ווערען, צו שטאמלען, און אייכט זיך צו ענדערען דעם געשפרעך אויף אן אנדער טהעמא.

עס בלייבט דיא מאמע... אך, זיא איז ניט זעהר פעהיג צו גריבלען זיך אין פרויען־געפיהלען ! אבער זיא איז דאך פארט געווען א מיידעל, נאכהער — א יונגע פרוי. זיא ליעבט מיך זיא ווינשט מיר גליק. לאמיר נור זיך אן עצה האלטען מיט איהר.

זיא איז געזעסען ביי זיך אין צימער, ביים שרייב־טיש, און האט זיך בעשעפטיגט, וויא אימער מיט אויסערגעוועהנליכע רעכנונגען, אום צו זעהען, אויב עס איז פלוצלונג ניט אויסגעוואקסען, א דאנק עפעס א צופאל, אונזער פערמעגען אין א וואך צייט אויף עטליכע טויזענד פראנק.

איך בין צוגעגאנגען פון הינטען און האב זיא א קוש געטאהן אין האלז.

זיא האט זיך אומגעקעהרט, האט א שמייכעל געטאהן, האט מיך שטארק א קוש געטאהן, האט אפילו געזאגט, אז עס שמעקט פון מיר גוט (עס איז אמת). איך זאג דאך — דער האָניג מאנאט...

—וואס ווילסט דוא, קינד ?

איך האב זיך צוגעזעצט צום טיש.

—מאמע, איך דארף מיט דיר רעדען וועגען עטוואס זעהר וויכטיגעס.

—אָ, איך שטויס מיר אָן !...

און איהר געזיכט האט אנגעהויבען שיינען. נור עס שיינט, אז זיא האט זיך זעהר שלעכט אנגעשטויסען, ווייל וויא נאר איך האב ארויסגערעדט: „מאמע, דארף איך הייראטען הערר דע־ניוווער'ען?" איז דיא פען ארויסגעפאלען פון איהרע הענד.

— טאמער ווילסטו! — האט זיא אויסגעשריען. — ניט קייז שלעכטע פראגע! איך האף, דוא וויצעלסט זיך? אדער קלייבסטו זיך אפשר אבצוטאהן דעם זעלבען שפיצעל, וויא פריהער? נו, ניין! אדער דוא הייראטעסט מיט הערר דע־ניוווער'ען, אָדער—מאַנאסטיר! הערסט! אי דיין טאטען, אי מיר איז עס ענדליך דער עסען!

—אבער, מאמע, — האב איך שטיל געזאגט — הערר דע־ניוווער האט נאך אפילו מיין האנד ניט געבעטען!

— הערר דע־ניוווער געהט אויס נאך דיר, מען זעהט עס... און דוא וואלסט אויך בעדארפט אויסגעהען נאך אים, ווייל ער טהיילט דיר צו צופיעל עהרע, זיך איינליבענדיג אין אזא משוגענע, וויא דוא.

איך האב בעגריסט דיזע פראזע, אלס א גוטע, אלטע בעקאנטע,

— הער נור, מאמעשי — האב איך געענטפערט פריעדליך, — ווער נור ניט אויפגערעגט. עס איז ניטא פאר וואס. איך האב גאר נישט געגען דער הייראט מיט'ן באראן, אויב ער וויל עס. נור האב איך דען קיין רעכט ניט צו פרעגען ביי דיר אן עצה?

איך האב זעהר גוט געזעהען, אז איהר ווילט זיך ענטפערען: „ניין, האסט קיין רעכט ניט!", אזוי האט זיא זיך געשראקען פאר אלעם, וואס האט געקענט שאדען מיין חתונה, אבער זיא האט ניט געוואגט צו זאגען עס. און זיא האט מיט בעס געענטפערט:

— פרעג אן עצה, אויב דוא ווילסט, אבער שנעלער. איך מוז ענדיגען וויכטיגע רעכענונגען.

— נוט. אט וועגען וואס איך וויל פרעגען. דוא שטויסט זיך, מן הסתם אן מאמע, אז צו צוויי און צוואנציג יאהר קען איך ניט זיין אן אנפערשטענדיג מיידעלע.. אבער דאך איז פאראן אין'ם פערהייראטען

ליעבען עטוואס , וואס איך וויס ניט... אין דיא אינטימער איינצעלהייטען... אָ, איך בּעט דיך ניט צו ערקלעהרען מיר דאס, וואס וואלט נור אונז בייזע געשטעלט אין א פערלעגענהייט, איך וויל דיך נור פרעגען, — און איך גיב דיר מיין ווארט, אז איך וועל איינשטימען מיט דיין מיינונג : ווען איך וועל חתונה האבען מיט הערר דע-ניוועער'ען, צו וועלכען איך פיהל ניט קיין פיזישע נייגונג, קיין ליעבע, — וועל איך זעהר שטארק ליידען פון דיזע... אינטימע איינצעלהייטען ?

דיא מאמע האט זיך עטוואס פערלארען,

— נאט מיינער, מיין טייער קינד... געוויס... אין פערהייראטען לעבען איז דא עטוואס... פאר אונז, פרויען... זעהר שווערעס... אבער מען דארף עס אונטערטהעניגסט צונעהמען, מיט דער האפנונג אויף קינדער.

—אבער, מאמע, דיזעס „זעהר שווערס" — איז עס אימער זעהר שווער, וויא עס זאל ניט זיין דיא פרוי און ווער עס זאל ניט זיין דער מאן ? צום ביישפיעל, דוא האסט ליעב געהאט דעם טאטען... האסט דוא געליטען דערפון ?...

עס האט געהערשט א פויזע. וואהרשיינליך, האט דיא מוטער ארויסגערופען איהרע עראינערונגען, האט זיא געזאגט :

—איך פערזיכער דיך, איך געדענק ניט . דוכט זיך, איך האב עטוואס מורא געהאט... דערפאר... פריהער... און נאכהער, ווען עס האט פאסירט, האט דער געדאנק, אז איך בריינג גליק דעם מאן, מיך אויך גליקליך געמאכט... אָט אזוי !...

דיא מאמע האט אנגענומען מיין האנד און צונעלענט, שוין מיט א זיבערערע שטימע :

—אהן צווייפעל, טייערע, איין זאך איז וויכטיג — און איך זאג דיר עס מיט זיכערהייט, דוא קענסט גלויבען מיין אפענהערציגקייט : אין דער ווירקליכקייט, דאס אלעס פערנעהמט זעהר ווענינ פּלאץ אין דער פרוי'ס לעבען, און דערצו נור דיא ערשטע צייט . וויכטיג איז נור

אייז זאך — אז דער מאן זאל דיך שעצען און ליעבען דיין אנגענעהמיים.

דאס אלעס איז געזאגט געווארען מיט א טאן פון אזא אויט אָריטעט, אז איך האב זיך פאלקאם בערוהיגט. יא, אין דיזער מינוט האב איך פערשטאנען, אז איך וועל זיין גליקליך מיט הערר דע־ניווער׳ען ווייל ער שעצט מיך און ליעבעט מיין אנגעזענהייט.

אלזא, איך האב זיך בערוהיגט אדער כמעט בערוהיגט. אבער עס האט מיך נאך אמאהל פערוואונדערט, וויא וויים איך בין ניט עהנליך צו דער מאמען, און וויא דיא מיידלאך פון מיין צייט אונטערשיידען זיך פון יענע, וועלכע זיינען געווען איהרע חבר׳טעס וויא וויים מיר זיינען מעהר ענטוויקעלט! אונזערע געפיהלען זיינען שארפער און, פאלגליך, אונרוהיגער! נור וועניגע פון זיי זיינען געווען דאס, וואס עס וועלען זיין פיעלע פון אונז — געליבטע! זיי האבען זיך שנעלער פערליעבט, וויא מיר, אבער מיר בעהאלטען גרעסערע אוצרות פאר דיא, וואס מיר וועלען ליעב קריגען...

—אונזער דור? — זאגט פעפיטא — ער איז אבשייליך פאר דיא מענער, אבער אויסגעצייכענט פאר געליבטע . . . . . .

. . . .

דער טאטע איז אריין אין מיין צימער און האט איבערגעריסען מיין פלאפלען. ער האט מיך ארומגענומען. ער האט אין גאנצען געשיינט.

—טייער קינד מיינס, —האט ער געזאגט, — באראָן דע־ניוועער האט נור וואס געבעטען דיין האנד, דוא ווייסט, וויא מיר קוקען אויף דיזען שידוך: זיא בעפרידיגט אונז פאלקאמען. אבער מיר וועלען, זיכער דיך נים צווינגען. מיר וועלען געבען אונזער צושטימונג נור דאן, ווען מיר וועלען קריגען דיינע.

... עס איז געשעהען.

איך בין דיא כלה פון הערר דע־ניוועער.

די נאכט פאר דער חתונה.

18··· דעצעמבער

די לעצטע נאכט! ניט אכטענדיג אויף דעם פערלאהבונג, ניט קוקענדיג אויף די רעגולערע וויזיטען פון חתן, ניט קוקענדיג אויף דאס איינקויפען פון נדן, אויף דאס ארומפאהרען איבער די קלייטען, אויף די שטענדיגע פארבערייטונגען, — ניט אכטענדיג אויף דעם אלעם, האב איך ניט געטראכט אז אזוי שנעל וועט זי קומען, מיין לעצטע מיידעלשע נאכט... און אט איז זי שוין געקומען.

פאר דער וועלט בין איך אפילו שוין יעצט פערהייראט, ווייל היינט בייטאג ביים מעיאר פון אכטען דיסטריקט האב איך געהייראט מיט באראָן דע־ניוווער. בין איך זיין פרוי? אָ, ניין! די ווערטער פון'ם הערר אין דריי קאָלירטען האלזבאנד האבען קיין זאך ניט געענדערט אין דער געבטינגער קליינער זשוליען. אלעס, וואס פילט אין דיזען געליבטען צימער מיינעם, האט נור וואס אויפגעלעבט פאר מיר, במעט טאג איין טאג אויס, מיין פערגאנגענהייט, און זי איז נאך אויף א מאדנעם אופן פערבונדען מיט מיין געגענווארט. אבער מארגען! מארגען, אין דערזעלבער שטונדע, וועל איך אריינטרעטען אין אן אנדער צימער, וואו די וואנד, די מעבעל, די בילדער וועלען מער אלע דערצעהלען מעשות, וואס זיינען פרעמד פאר מיר... אהין וועט ניט אריינקומען מיט מיר קיין זאך פון מיין טייערער פערגאנגענהייט... און איך וועל אריין אין יענעם צימער ניט אליין. וויא טרויעריג עס איז מיר, וויא איך שרעק זיך!

מיינע אלטיטשקע זיינען אויך פערטרויערט און זיי שרעקען זיך אויך! נור וואס האבען זיי מיך צוגעפיהרט אהער, וויא צום שוועל פון הייראט־צימער, די מאמע האט זיך בעגאסען מיט טרעהרען! דער

טאטע, מיין ארימער טאטע! האט זיך נערוועז געשפילט מיט זיינע ברעלאָקען און האט פון צייט ווידערהאלט: אלעס נעהט אויסגעצייכענט מען דארף זיך ניט אויפרעגען! מארגען איז א גרויסער טאג!... מען דארף זיך ניט אויפרעגען!" איידער מיר האבען זיך צושידען, האבען מיר זיך נעוואָרפען איינער דעם צווייטען אין דיא ארעמס, האבען געוויינט און געקושט זיך.

איז עס ניט לעכערליך, משונה'דיג און ווילד זיך אזוי אליין צו ערגערען? און צו וואס? זיינען מיר דען ניט, געוועזן גליקליך? מיינע אלטע וועלען דאך פערטריקענט ווערען פאר צער, ווען איך וועל אוועק פון זיי... און איך... איך... עס איז מיר טאקע זעהר נויטיג צו טהיילען מיט אימיצען זיין געלענער! דיזע הייראט איז א קוואל פון צרות פאר אלעמען, אויסער הערר דע-ניוואר'ען, וועלכער האט פינף און צוואנציג יאהר פון זיין לעבען פערספענט דערויף, וואס עס האבען איהם געלאשצעט פרויען פון דיא הויכע און נידריגע ספערען, און יעצט, ווען ער איז אריבער פערציג, וויל ער זיך אנוואָרעמען לעבען א שעהנער מיידעל מיט רויטע האאר.

דיא שעהנע מיידעל מיט רויטע האאר איז אייך זעהר דאנקבאר?

...מיט א וואך צוריק האט זיך מיר געדוכט, אז איך בין זעהר נאהענט ליעב צו קריגען מיין חתן. היינט ביינאכט בין איך ניט ווייט פון פיינד צו קריגען איהם.

ארימער באראָן! ער האט געטאהן אלעס, וואס ער האט געקענט אום צו געווינען מיין הארץ! מען קען ניט זיין דעליקאטער, נאָבעלער, ליעבליבער. אבער ער האט אונאננענעהמען פיעהלער: ער שטעלט מיט זיך פאר א בעלהבית'ישען, נויטיגען שידוך! איך מוז זיין אפענהערציג: ווען איך וואלט געהייראט אום צופרידענצושטעלען דיא פאדערונגען פון מיין געפיהל, וואלט איך ניט אויסגעקליבען א פערציג-יאהריגען מאנסביל. דיזער געדאנק פערלאזט מיך ניט: אמאהל מוטשעט ער מיך גאר שטארק, און דאן ווער איך פערברענט פאר שאנדע...

ווער פון אונז איז מעהר ענליך צו א קאָקאָטקע? — פעפּיטא, וועלכע האנדעלט לויט איהרע געפיהלען, אדער איך, וועלכע איז גרייט צוליעב א נאָמען און פערמעגען זיך אבגעבען א מענשען, וועלכען איך ליעב ניט!...

איך! איך! און דאס איז שרעקליך!

דיא לעצטע וואך האב איך אפט געפּרופט זיך פארצושטעלען דיזע שרעקליכע מארגענדיגע נאכט, אום פאראוים צו צו געוואָהנען מיינע נערווען און ניט אויפצושוידערען צו שטארק ביי דער ווירקליכקייט. פעפּיטא האט מיר געהאָלפען. זיא האט עס גערופען רעפּעטיציע פון א גרויסער פּיעסע.

ליידער, איז היינט אבענד דיא הויפּט רעפּעטיציע!

איך האב בעשלאסען צו בעגעגנען דיזע וויכטיגע פּאסירונג אהן א מאסקע פון גענארטער אונשולדיגקייט און געמאכטער שאַנדע עס איבעלט מיך פון געמאכטע געפיהלען; דערצו איז דער באראן א צו עדעלער מענש און מען קען איהם דער מיט ניט נארען. איך וועל זיך ניט פערמאסקירען פאר אן אונשולדיגע טייבעלע, וועלכע ווערען בעשריבען אין דיא ראָמאנען. איך בין א מיידעל פון מיין צייט און מיין אומגעבונג, פאלקאם עהרליך אין הארצען און ניט בעריהרט אין קערפּער; אבער בעאָבאַכטונגען, געשפּרעכען, ביכער האבען מיך בעקענט אין אלגעמיינע שטריכען דער מיט, וואס עס איז מענשליכע ליעבע.

איך וויים, — דעם מאן'ן ליעבע זעהט אוים אין דיא אויגען פון אונערפאהרענע יונגע מיידלאך גאנץ אומריין; אבער איך ווייס אויך, אז דיזעלבע מיידלאך, ווערען זיי נור בעקאנט מיט דער געהיימניס פון ליעבע ווערען זיי נור פרויען, אזוי נעהמען זיי מיט פערגניגען, אן אנטהייל אין דיזע אונריינער שפּיעל, — מיט אזא פערגניגען, אז אמאהל איז פאר זיי ווענינ איין שותף...

בעשיידען, זעהר בעשיידען ערקלעהר איך, אז איך בעגרינדע מיין האפנונג אויף פאמיליען־גליק אויף דיזען וואהלטהעטיגען געזעץ;

און איך וואלט זעהר וועלען, אז אויף מארגען נאך מיין הייראטס־נאכט זאל איך ענטדעקען אין זיך דאס, וואס פעפיטא רופט אן „קליינער טעמפעראמענט".

טא וועלען מיר זיך אננעהמען מיט מוטה !... אויב נור דער ערשטער שריט איז שווער, לאמיר זיך אננעהמען מיט מוטה און מאכען איהם.

אט דאס איז דער רעזולטאט פון מיינע געדאנקען ; און אט וויא איך מאהל מיר אב מיין ערשטע הייראטס־נאכט . מארגען וועט זיין אינטערעסאנט צו פערגלייכען מיינע פארנעפיהלען מיט דער ווירקליכקייט .

עס איז בעשלאסען, אז מארגען באלד נאך דעם פריהשטיק, וועט מיין מאן מיך אוועקפיהרען אין קרוא־דע־ניוואר. קרוא־דע־ניוואר. איז דאס אייגענטהום פון דעם באראן'ס פאמיליע, אין דיזעם גרויסען הויז, וואוהין מען האט מיך שוין איין מאהל געפיהרט, וועלען מיר וואהנען אזוי לאנג, וויא עס וועט זיך אונז גלוסטען. דער טאטע מיט דער מאמען וועלען אונז בעזוכען נור דאן, ווען מיר וועלען זייא לאזען וויסען.

איך האב זיך ניט צופרעגט ביי מיין מאן, וויא ער וועט אלעס פארטיג מאכען פאר דיזען ערשטען פערהייראטען טעט—א—טעט, אבער עס פערפאלגט מיך דיא עראינערונג פון איין צימער, א גרויסען, מיט שווערער מעבעל אין סטיל פון לודאוויק דעם 15 טען, בעציערט מיט מויער קעפלאך בעזונדערס דיא גרויסע בעט. איך דערמאהן זיך, אז, אריינקומענדיג אין דיזען צימער, האט זיך דער באראן אנגעבויגען צו מאמען און איהר א שעפצע געטאהן אין אויער אריין , אבער ניט זעהר שטיל : „דאס איז א היסטארישער צימער אין אונזער פאמיליע, דער הייראטס-צימער".

עס שיינט, אז אלע באראנעססען דע־ניוואר, אין משך פון אנדערטהאלבען יאהרהונדערטע, האבען, פערלארען אין דיזער בעט דאס, וואס עס ווערט געוועהנליך פערלארען אין דער נאכט פון הייראט,

איך שטויס זיך או, אז אויך באַראָנעססע זשוליען וועט ניט זיין קיין אויסנאהם,

אט בין איך מיט מיין מאן אין הייראטס-צימער, פאר דער בעט מיט מויער־קעפּלאך. ער קושט מיך אין באק, פיעללייכט — אין דיא ליפּען; ער נעהמט מיך אזוי שטארק ארום מיט זיינע ארעמס, אז עס טוהט מיר וועה; ער וויל דערמיט צייגען, אז ער ליעבט מיך; איך קעמפף ניט. אבער דיזע פארבערייטונגען קענען לאנג ניט דויערען. עס קומט דער מאָמענט, ווען מען דארף א טראכט טאהן וועגען דער בעט. דא ווענדע איך זיך צום מאן (איך בין פעסט בעשלאסען דערויף) און זאג איהם:

—טייערער פריי.ד, איך בין געוואהנט אויסצוטאהן זיך אַליין, אפילו אהן דער הילפע פון א דינסט. ערלויבט מיר עס צו טאהן נאך איין מאהל אליין. און איהר געהט דערווייל אין ביבליאָטעק וועלכע איז, דוכט זיך, ביי דער זייט און לעזט א ביכעל. ווען איך וועל זיך לייגען, וועל איך א קלונג טאהן, דאן וועט איהר קענען אריינגעהען. אבער איך בעט אייך זעהר: טוט זיך ניט אויס פאר מיינע אויגען: אז איך וועל אייך דער זעהן אין דיא אונטערהויזען און אונטערהעמד, וועל איך זיך ווילד צולאכען, און איך וועל ניט זיין גענוג ערנסט פאר דיא הייראטס דעביוטען. דארום אדער פערלעשט דיא פייערען, אדער זייט אנגעטאהן; דעם אויסוואהל לאז איך איבער פאר אייך.

דער באַראָן, אז א ליעבליכער, וועט, געוויס, ניט זיין דאגעגען... הייסט עס, אונטער א טיעפער פינסטערניס וועט ער צוגעהען צום געלעגער.

דאן...

עס איז מיר ניט זעהר קלאהר, וואס ווייטער וועט זיין. אבער איך האב בעשלאסען צו האלטען נאך דיא פאלגענדע רעדע: „הערר מאן מיינער, יעצט בין איך אין אייער מאכט. איך גיב זיך אייך אונטער, דאס הייסט, איהר קענט, וויא איהר ווילט, זיך בענעהען מיט מיין קערפּער. איך בין א קליין, אונשולדיג בעשעפעניש, און יעצט סטארע

איך זיך נור וועגען איין זאך — ניט צו טראכטען, בענוצט זיך דער־מיט, אום וואס שנעלער צו פערווירקליכען אייערע רעכטע, און רעדט ניט צו מיר צווינגט מיך ניט צו רעדען.״

אזוי וועט זיין מיין הייראטס-נאכט.

איך לאך, אבער, ליידער, איז מיין געלעכטער א געמאכטער, ער קליענגט פאלש, און מיר ווילט זיך גיכער וויינען, מיין מיידעלשע בושה וועט ערשט אבשטארבען מארגען; אבער שוין היינט ביינאכט שטארבט אב מיין טייערער טרוים, — עס שטארבט אב דער טרוים צו בענגענען אין לעבען א מענשען, וועמעס נעזיכט און וועמעס נשמה ציהען צו זיך, רענגען אויף, און ליידענשאפטליך זאגען איהם; „איך געהער אייך, זיים מיין מאן!״ איך האב אויך געהאט דיזען טרוים; איך — אזא קאלטע, אזא רוהיגע, אבער איך האב נעפיהלט ביז גאר, אז עס זיינען פערבארגען אין מיר אוצרות פון ליידענשאפט פאר׳ן וואונדערליכען אונבעקאנטען!

היינט איז דער גורל נעווארפען: קיין מאהל וועל איך איהם ניט בענגענען, דיזען אונבעקאנטען! אין־דער־פריה האב איך אונטער־געשריבען דעם ערשטען אקט, מיט וועלען איך זאג זיך אב פון מיין ראָמאַן, מארגען וועט דער לעצטער קרבן נעבראכט ווערען. אָ, בייזער שיקזאל, — ער האט מיך אזו געצווינגען צו זיך אום נאָכהער צו פערלאזען מיך!...

אבער א דאנק דיזער אבוועזענהייט פון א ראָמאַן אין מיין פערגאנגענהייט, הייראטע איך, אם וועניגסטען, מיט א פוסט און רוהיג הארץ. איז עס אבער פוסט? און מאָרים? אָ, דיזע עראינערונג רופט נור ארויס א לייכטען טרויער, און איך וואלט זיך אליין בעדויערט, ווען איך וואלט ערנסט בעוויינט א ליעבע, וועלכע איך האב דאך אליין אויסגעטראכט... מען קען ניט וויינען וועגען עפעס א היפּאָטעטישען חתן, וועלכען דוא האסט ניט געזעהען במעט צעהן יאהר.

נור אלץ איינס, אזוי ווי איך וועל שוין מארגען זיין א פערהייראטע

פרוי און אזוי וויא איך האב בעשלאכען צו זיין אן עהרליכע ווייב, — וועל איך זיך בענוצען מיט דער לעצטער נאכט. ווען מיין הארץ בעלאנגט נאך מיר אליין.

איך וועל היינט איינשלאפען מיט'ן געדאנק וועגען מאריס'ען.

דיא גרויסע וואך

דעצעמבער ...18

איך האב נור וואס דורכגעלעזען זיין דיזען טאגע־בוך, צו וועלכען איך האב זיך ניט צוגעריהרט א גאנצע וואך, דאס וואס איך האב פערשריבען דיא נאכט פאר דער חתונה וויא איך האב עס געלאכט! אך, דיזע פארשטעלונגען פון יונגע מיידלאך, אפילו פון יענע, וועלכע וויא איך, זיינען גאר ניט געווען קיין טייבעלאך! אוז איך האב עס געוואלט מיט מיין קליינינקען מוח אלעס פאראויסזעהען, אלעס אויס־שטאטען, לויט מיין פערשטאנד בעאיינפלוסען דיא פאנטאזיע פון אזא מאן, וויא דער באראן! ארימע, אונשולדיגע מיידעלע!... דיא בעט איז יעצט אפען און פוסט, — א שטראהל פון דער מארגען־זוהן שפילט זיך אויף דעם עטוואס צו ווארפענעם געלעגער, — און אזוי וויא זיא וואלט לאכען פון מיר:

... נו, אט האסטו, קליינינקע זשוליען, עס האט פאסירט!.. נאך אמאהל האב איך פערוואנדעלט אין א פרוי א בארא‌נעססע דע־ניוועך... האט דיר גענומען פיעל צייט, קליינינקע זשוליען — מעהר וויא א וואך!... אבער עס האט דאך פאסירט... מען קען ניט קעמפפען געגען דער בעט מיט מויער־קעפלאך...

אזוי רעדט צו מיר דיא גרויסע בעט, דער קבר פון דער אונשולד פון דיזע פיער יונגה פרויען, פערשידען אנגעטאהן, אין געפודערטע פאריקען, וועמעס פארטר עטען עס קוקען ארונטער פון דיא ווענט, —דער קבר אויך פון מיין אונשולדיגקייט. און איך בין ניט בייז אויף איהר. איך

וויסט יעצט, אז זיא איז א פריינד.

לאמיר נור פער שרייבען דיא געשיכטע פון דיזער מערקווירדיגער וואך.

ביז מיין אנקומען קיין קרוא־דע־ניוער איז אלעס געגאנגען אונגעפעהר אזוי, וויא איך האב פאראויסגעזעהען. דיא טרעהערען פון מיינע עלטערען, דיא שטארקע קושען, דער נערוועזער אנפאל פון מיין דיענסט (פאר וואס האט מען מיך אזוי ליעב ?), ענדליך, — דער אבפאהר. דער באראן האט בעשטעלט א בעזונדערע קופע פאר אונזער רייזע פון פינף־און־דרייסיג מינוטען. איך האב מורא געהאט, אז, וויא נור דער באאן וועט זיך ריהרען, וועט ער מיך אנהויבען קושען אין דיא ליפען, וועט עפעס טאהן מיט מיר. אין יענע נערוועזען צושטאנד, אין וועלכען איך האב זיך געפונען, וואלט עס זיך טראגיש געענדיגט. אבער ער האט זיך איינגעהאלטען. ער האט נור קוים אנגעריהרט מיין האנד שוה און האט געזאגט : „איך בין זעהר גליקליך און שטאלץ, טייערע באראנעססע, וואס איך בין אייער מאן... און מעהר גארניט. ער האט זיך אוועקגעזעצט קעגען מיר, און האט זיך מעהר ניט א ריהר געטאהן, האט קיין ווארט ניט ארויסגערעדט. וואס פאר א וואונדערליכע טוגענדען דאס זיינען —דאס שווייגען און אונבעוועגליכקייט, איך דיינק, אז פרויען בעלאנגען צו יענע, וועלכע קענען זיך מיט זיי בענוצען. ווען אין דיזע מינוטען, ווען מיינע נערווען זיינען געווען אזוי אנגעצויגען, וואלט פאר מיר געזעסען א מענש אן אויפגערעגטער, וואלט איך איהם דאכט זיך פיינד געקראגען אויפן גאנצען לעבען.

ווען מיר זיינען געקומען צופאהרען אין וואסקרעסאן, בין איך שוין געווען רוהיגער. עס האבען געווארט אויף אונז צוויי עקיפאזשען, א קארטע און אן אפענע בריטשקע. ניט אונטערשטרייכענדיג דיזע אויפמערקזאמקייט פון זיין זייט, האט דער באראן געזאגט :

— פון דאנען ביז קרוא איז א מינוט צוואנציג, און דער וועג איז זעהר אן אנגענעהמער. אויב איהר האט ניט מורא עטוואס פאר דעם

קאלטען וועטער, לאמיר פאהרען אין בריטשקע איך וויס, איהר האט ליעב פיהרען דיא פערד...

אמת, איך האב עס זעהר ליעב! אבער איך טוה עס זעהר שלעכט. איך האב אבער שטאלץ גענומען דיא לייצען: דיא שכנות פון מאן, וועלכער איז א מייסטערהאפטער ריטער, האט מיר צו גענעבען מוטה. דעס פערד אבער איז געווען פראכטפאל מושטרירט; וואלט זיכער גענאנגען אליין אויך, און מיינע עהרליכע בעמיהונגען צו פיהרען איהם, האבען, וואהרשיינליך אים נור געשטערט. אלץ איינס!

ווען מיר זיינען געקומען אין שלאס, האבען דיא פרישע לופט און דיא פיזישע אנשטריינגונג עטוואס בערוהיגט מיינע נעווערען. איך בין געווען כמעט פרעהליך. „דיזער גרויסער היסטארישער שלאס איז מיינער!" האב איך געטראכט, בעטראכטענדיג דיא הויכע פענסטער.

— איך וועל אייך דורכפיהרען צו א י י ע ר צימער, — האט דער באראן געזאגט. —מען האט שוין געבראכט אהין דיא קאסטענס, וועלכע אייער מוטער האט אין־דער־פריה ארויסגעשיקט.

איך געדענק שוין נים, וואס איך האב איהם געענטפערט איין ווארט זיינער האט מיך שטארק איבערראשט; „אייער צימער". הייסט עס, איך וועל האבען מיין צימער, גאר א בעזונדערען וויא אין דער גאס פאנטיע! דאס מאכט אן איבערקעהרעניש אין אלע מיינע פאר שטעלונגען וועגען פערהייראטען לעבען.

וואהרשיינליך, האב איך איהם ניט גוט געהערט, — האב איך נעטראכט. — נעווים, האט ער געזאגט: אין אונזער צימער.

„אונזער" אדער „אייער", — דער צימער, וואהין ער האט מיך אריינגעפיהרט, איז געווען דער צימער מיט דער בעט מיט מויער־קעפלאך דערהייראטס־צימער...דער מאן האט מיך דא איבערגעלאזט איינע אליין מיט דיא פיער באראנעססען דע־ניוווער, וועלכע היינגען אויף דיא ווענט, און האט מיר געצייגט אויפן גלעקעל צו דער דינערשאפט. אבער איך האב ניט געהאט קיין שום פערלאנג צו רופען אימיצען. איך בין נאר

ניט רעליגיעז,אבער איך בין געפאלען אויף דיא קניע לעבען דער בעריהמטע בעט און האב אנגעהויבען שעפצען אונגעפעהר דאס פאלגענדע:

„גאט, שוין פיעלע יאהרען, וויא איך פערגעס אן דיר אפט, געה זעלטען אין קירכע, טהוע ניט קיין מצוות, קעמפף שלעכט מיט מיינע פעהלערען... איך גיב עס צו און איך בין זיך מודה אין מיין שולד. אבער איינענליך, גאט, בין איך ניט קיין שלעכטע, איך האב קיין מאהל ניט געטאהן אויף צו להכעית דאס, וואס דיר איז ניט ליעב, און יעצט ביז איך געניינט נור צום בעסטען: איך וויל זיין אן ערליכע ווייב, א גוטע מוטער. טא מאך עס ניט פאר מיר צו שווער, — מאך אזוי, איך זאל ליעבען מיין מאן, וויא מען דארף ליעב האבען א מאן, מאך אזוי, איך זאל קיין מאהל ניט דענקען וועגען מאָריס׳ען".

ווייל מאָריס האט ניט אויפגעהערט צו לעבען אין מיין הארצען. איך האב ניט וועלענדיג א טראכט געטאהן, אז מיט איהם וואלט דיזער צימער אויסגעזעהען זעהר אנגענעהם. אבוואהל, מאריס וואלט מיר ניט געקענט דערלאנגען אזא צימער.

...איך האב שוין אבגעדאווענט און זיך איבערגעטאהן, ווען מען האט מיר אנגעזאגט, אז דער באראן ווארט אויף מיר אן דער ביבליאָטהעק, פונקט לעבען מיין צימער. איך בין אוועק צו איהם. דאס איז ניט קיין גרויסער צימער; אלע וועגט זיינען בעדעקט מיט פאָליצעס פול מיט ביכער. אין קאמין האט ליעבליך געברענט א פייער. ביים קאָמין איז געווען געגרייט דער טיש.

— איך האב געהייסען גרייטען דא צום טיש, — האט געזאגט מיין מאן — ווייל דער עס־צימער איז שוין צו גרויס פאר א מאהלצייט פון צוויי... אבער וויא שעהן דוא ביסט!

ער האט מיך בעטראכט מיט יענעם בליק פון א מבין, מיט וועלכען ער פלעגט בעטראכטען פרויען און טואלעטען.

מיר האבען אנגעהויבען פלאפלען וועגען שמאטקעס, נאכהער האט ער מיט געבראכט עטליכע ביכער אין בעצויבערענדע טאָוולען:

צוטראָגנען דורכבלעטערענדיג זיי, האב איך בעמערקט איינינע גאנץ ניט בעשיידענע בילדער. הערר דע־ניווער האט דערזעהן, וויא איך האב זיך עטוואס פערשעהמט.

—א, טייערע זשוליען, — האט ער געזאגט — יעצט מעגט איהר אלעס זעהען און אלעס לעזען. איהר זייט דאך פערהייראט.

דער מאהלצייט איז געווען א פרעהליכער. עס איז געווען עטוואס בערוהיגענדעס, פריינדליכעס אין דיא ארומינע זאכען, מענשען, און דאס האט אבגעצויגען מיינע געדאנקען פון דער פערגאנגענהייט, פון הויז אין דער גאס פּאַנטיע, פון מיינע אלטיטשקע... צום ענדע דינער האט זיך דער באראן צוגערוקט צו מיר, און דערצעהלענדיג מיר אמוזאנט דיא געשיכטע פון דיא פיער באראָנעססען, וועלכע האבען בעצירט מיין צימער, האט ער זיך געשפּילט מיט מיינע הענד. ער איז פערליבט אין זיי אטת, מיינע הענד זיינען שעהנע, זעהר קליינע, אבער זעהן אויס לאנג, מיט קייקענדיגע, פערבויגענע ביי דיא סאַיע שפּיצען; און אזעלכע ווייסע, ווייסע! ער האט געקושט דעם שפּיץ פון יעדען פינגער דאס איז געווען דיא איינציגע צערטליכקייט, וועלכע ער האט זיך ערלויבט צו צייגען מיר.

דער זיינער האט געשלאגען צעהן. ער האט געזאגט:

— איך וויל ניט צופיעל אויסנוצען אייער ליבע אנוועזענהייט, מיין טייערע פריינד. איהר זייט זיכער מיעד. איך גיב אייך צוריק אייער פרייהייט, אין א י י ע ר צימער איז דא אלעס, וואס איהר דארפט.

יעצט האב איך גאנץ דייטליך געהערט, ער האט געזאגט: „אין אייער צימער". ווען עס וואלט נאך פערבליבען ביי מיר א שטיקעל צווייפעל, וואלט ער פערשווינדען אין אייניגע סעקונדען: אויפן שוועל פון מ י י ן צימער האט הערר דע־ניווער א קוש געטאן מיין האנד און געזאגט:

איך פערלאז אייך, מיין טייערע. רוהט זיך גוט אויס מיר וועט מען בעטען אין דא, ביבליאָטהעק. דאס איז מיין בעליבטסטער צימער אין

קרוא... אונז טהיילט אב נור א טהיר, געדענקט, — אין פאל, איהר וועט זיך אין עטוואס נויטהיגען,

און...דאן

איך בין געבליבען גאנץ אליין אין גרויסען צימער... דיא בעט מיט מויער־קעפּלאך, אן אויסגעבעטע און אזא ברייטע — ברייטע, האט אזוי וויא אבגעלאכט פון מיר, און עס האט געשיינט, אז דיא פיער באראנעססען האבען איראניש געקוקט אויף מיר.

איך האב אויף שנעל אוועקגעשיקט דיא דיענסט, האב זיך אליין אויסגעטאהן און האב זיך אוועקגעלייגט... אבער איך בין כמעט באלד ווידער אויפגעשטאנען, האב אנגעצונדען א ליכט, איך האב פערגעסען צו פערריגלען דיא טיהר פון מיין צימער אין דער ביבליאָטהעק אריין.

איידער איך האב פערריגעלט, בין איך געבליבען אין א פערלעגענהייט: „איך האנדעל ניט גוט... דער מאן האט מיר געגעבען צו פערשטעהען, אז ער וועט ניט אריינגעהען אין דיזע טיהר...פערשליסען זיא מיינט ניט האבען קיין צוטרויען צו איהם"...

נאכהער האב איך א טראכט געטאהן, אז איך וועל אויף קיין פאל ניט איינשלאפען, ווען דיזע טיהר, אונטער וועלכער עס ליגט מיין שכן, וועט ניט זיין פערשפארט.

איך האב זיך צוגעהערט... אין דער ביבליאטהעק קיין גערויש.

שטיל־שטיל האב איך פערריגעלט דיא טיהר.

. . . .

איך האב זיך ווידער אוועקגעלייגט, דיזען מאהל אין גאנצען א בערוהיגטע.

ער שלאפט... אם וויינינגסטען, שיינט מיר, אז ער שלאפט... עס דערגרייכט ניט פון צווייטען צימער צו מיר קיין גערויש פון טריט. ער שלאפט, און עס שלאפט מיט איהם צוזאמען דער גאנצער שלאָס קרוא, דיזע פאלקאמענע שטילקייט, וועלכע ווערט צייטענווייז נור געשטערט דורך דעם טריסקען זיך פון פארקעט, שרעקט מיך עטוואס; מיר

אליין ווילט זיך גאר ניט שקאפען. א לייכטער פיבער האט פערטריבען דיא מיעדקייט, איך שלאף ניט און טראכט.

— אט דאס הייסט עס איז וואס מען רופט אן דיא הייראטס־נאכט, — טראכט איך מיר צו זיך אליין. ליגען אליין אין א בעט, אויף וועלכער עס וואלט געווען פּלאץ פיר א גאנץ געזינדעל, און וויסען אז אין צימער ביים זייט שלאפט א העדר פון א יאהר פערציג... און אויף מארגען נאך דיזער נאכט ביזטו א—פרוי... א פרוי!... איך בין ניט אויף אזוי וויט נאאיוו אום צו גלויבען דערין איך וויים גאנץ גוט אז דאס איז אן אויסנאהם, אז געוויינליך פערברייננגען ניט מאן און פרוי דיזע נאכט מיט א וואנד צווישען זיי. מיין מאן בענעהט זיך מיט מיר גאנץ בעזונדערס. עס איז געוויס זעהר שמייבעלהאפט און יעדעפאלס אנגענעהם; געוויס בין איך בעסער צופרידען צו זיין יעצט אליין אין דער בעט מיט מויערקעפּלאך. און דאך, ערגיץ דארט, אויפן סאמע גרונד פון מיין הארצען, בעוועגט זיך עפּעס א מין פערדרוס און אונרוהע.

יא, עפּעס א מין פערדרום. איך האב זעהר ליעב רוהע, אבער איך וואלט קיין מאהל ניט געוואלט ערווערבען זיא מיט׳ן פרייז פון גלייכ־גילטינקייט צו מיר.

דער באראן האט מיך ניט איבער געלאזט אויף דיא הענד פון דיא עלטערען, ער האט מיט מיר חתונה געהאט; אבער דיא ליידענשאפט וועלכע איך ערוועק אין איהם, איז גאר ניט קיין הייסע, ווען ער זאגט זיך אב אזוי געלאסען פון זיינע רעכטע. איך וויים גאנץ גוט, אז ער טוהט עס אוים העפליכקייט, אוים העבערער ליעבליכקייט צו מיר.. ער שוינט מיין מיעדקייט, מיין אויפגערעגטקייט. אבער עס איז אלץ איינס, איך וואלט בעסער געוואלט, ער זאל זיך ניט אזוי בעהערשען.

און דאן... עס איז מיר נור וואס ארויפגעקומען א געדאנק, א זינלאָזער פערדאכט —און עס לאזט מיך ניט צורוה, דיזער געדאנק איז זעהר ניט דייטליך, און דער פערדאכט — זעהר ניט קלאהר. קיין מאהל האט מיך נאך אזוי ניט געארט מיין אונוויסענהייט אין דער טעכניק פון

ליעבע, אבער איך ווייס דאך. אז עס איז פאראן אן עלטער, ווען מיר פרויען, ווערען שוין וועניגער... פרויען, וויא ווען מיר זיינען צוואנציג יאהר אלט; עס איז פאראן אן עלטער, ווען מען קעהרט זיך אזוי וויא אום צו דער פריהעריגער געלאסענהייט. פיעלייכט פאסירט דאס זעלבע מיטן צווייטען געשלעכט?... א, גאט, פיעלייכט איז דיזע צייט פאר זיי —פערציג יאהר!... פיעללייכט האט זיך מיין מאן צוריקגעקעהרט צו צו דיזער פערנאנגענהייט!...

אבער ניין! דער באראן דע־ניוור (פעפיטא האט זיך ערקונדיגט און האט מיר דערצעהלט) — דער באראן האט ביז דער חתנה געהאט א גרויסען ערפאלג ביי פרויען. און דאן, וואלטען דען מיינע אלטיטשקע מיך פערהייראט מיט אן אבגעלעבטען מאן?...

און דאך איז עס נים פרעהלאך... איך הויב אן צו וויינען...

איך בין איין געשלאפען אין טרעהרען. און זאנדערבארע חלומות האבען מיר זיך געחלום'ט, אין וועלכע דיא פאקטען פון מיין געגענווארט האבען זיך זאנרערבאר פערפלאנטערט מיט דעם, וואס דער באראן האט מיר ביים עסען דערצעהלט וועגען דיא פיער באראנעססען, דע־ניוער, וועלכע בעצירען מיין צימער... זיי, דיזע פיער באראנעססען האבען שוין אויפגעהערט צו הייננען אויף דיד ווענט, וויא פערוועלקטע און פערבלאסטע פארטרעטען: זיי זיינען ארויס פון דיא ראהמען און לעבעדיגע זיינען זיי פערביינעגאנגען מיין בעט.

מיר האט זיך געדוכט דאס יעדע איינע דערצעהלט מיר איהר לעבען אין דיזען שלאס. אין בעזאנדער פון דער גרויסער ברייטער בעט מיט מויערקעפלאך, אין אלע וויא איינע אזוי דיא אנדערע לאבען מיר גלייך אין פנים ארייז וואס איך ליעג אליין. וואו איז אייער באראן? האבען זיי מיר געפרעגט, אין אונזערע צייטען האט מען זיך אנדערש געפיעהרט.

איך בין אויפגעשטאנען אין־דער־פריה אזייגער אכט, אין א גאנץ בייזען געמיטה, אבער אן אויסגערוהטע. מען האט איינגעהייצט

דעם קאמין. העלפענדיג מיר אנצוטאהן זיך, האט מיך מיין נייע דינסט געפרעגט, צו איך האב גוט פערבראכט דיא נאכט . עס האט מיר געשיינט, אז אין איהר פראגע איז געוון פערבארגען אן איראניע. איך האב זיך געמוזט איינהאלטען אום זיא ניט א זעץ טאהן.

דער באראן האט מיר געשיקט זאגען, אז ער איז גרייט צו דינען מיר. איך האב זיך געוואלט בעגעהען קאלט מיט איהם, און איך בין אראב נור צום אנבייסען, וועלכען מען האט דיזען מאהל דערלאנגט אין עס־צימער, דער מאן האט א קוש געטאהן מיין האנד און אביסעל זיא פערהאלטען ; איך האב זיא שטיל ארויסגעצויגען... ווען איך האב צוויקעלט מיין נעפקין , איז פון דארט ארויסגעפאלען א קעסטעלע : אין איהם איז געווען א פראכטפאלע העט פין, בעציערט מיט סאפפירען און ברילעאנטען.

איך מוז צוגעבען, איך בין ווידער פרעהליך געווארען (מיין מאן איז זעהר וויציג), דער טאג איז געווען א פראכטפאלער, און מיר זיינען אוועקגעפאהרען אויף א שפאציער, איך האב אנגעטריבען... אין אבענד —אלעס, וויא געסטערען... א דינער אין צווייען אין ביבליאטהעק, דער באראן איז געווען אויפמערקזאם און ליעבליך... ביז אונאנשטענ־דינקייט... איך האב זיך געוועהרט, וויא איך האב געקענט ; און ווידער האבען מיך ארומגעכאפט דיא שרעקענדיגע פארגעפיהלען פון א נאכט אין צווייען (וויא זאנדערבאר מיר זיינען !) . ליידער זיינען דיזע פארגעפיהלען געווען אומזיסט !...ארום עלף דעם זייגער האט זיך העררדע־ניוּוער צושיידט מיט מיר, און זעהר העפליך, זעהר... בעשיידען געוואונשען מיר א גוטע נאכט.

און פונקט דאס זעלבע איז געווען — ווער וואלט עס גלויבען ? — דעם פאלגענדען טאג, און דעם פערטען, א גאנצע וואך. יעצט, ווען זיא איז שוין אוועק, דיזע גרוסע וואך, בעטראכט איך זיא גנעדיג, איך בין ניט בייז !... דיא טעג זיינען אוועק אויסגעצייכענט. ערשטענס, יעדען אין־דער־פריה, ביים אנבייסען אונטער דער נעפקין — עפעס א

נייע מתנה... נאך'ן אנבייסען האט מיך דער באראָן געלערענט אנטריי־
בען; דער וועטער איז געווען א פראכטפאלער, דיא לופט האט ערמונ־
טערט, דיא זונן העל געלויכטען. ארום פינף האבען מיר זיך צוריקגעקע־
הערט קיין קרוא־דע־ניוער, לאנג געזעסען אין צוויען אדער אין ביבליאָ־
טהעק אדער ביי מיר אין צימער... דיזע שטונדען זיינען געווען זעהר
אויפרעגענד, אבער איך מוז צו געבען, —ער איז מיר ניט נמאס געווארען
דער באראן קען עפּעס. אזוי אונבעמערקבאר, מיט זעהר קליינע ענדערו־
נגען, אריבערגעהען פון איין אונבעשיידענהייט צו א צווייטער, און
פלוצלונג דערזעהסטו מיט פערוואונדערונג וואס דו א האסט ערלויבט
אי זיך, אי איהם.

יא, דאס אלעס איז געווען זעהר גוט. אבער אויב איך האב זיך
יעדען אבענד געלענט שלאפען, קענענדיג אביסעל בעסער, וויא געסטערען
אנטרייבען, און וויסענדיג מעהר, —בין איך אבער נאך געווען אין דער־
זעלבער מאס א „פריילײן", און דיא נעכט זיינען געווארען פאר מיר
נאך מאטערנדער, און שווערער. מיינע נערוועז זיינען געווען צורודערט,
איך בין שלעכט געשלאפען. עס האט זיך מיר געגלוסט, אימיצער זאל זיין
לעבען מיר, נאכגעהען נאך מיר, וויא נאך א קראנקער. אימיצער? גאר
פשוט —מיין מאן... וואס האט ער געטאהן אין זיין ביבליאטהעק, דיזער
נארישער אדער שלעכטער מענש?... האט ער דען ניט פערשטאנען נאך
אלע זיינע ליעבעלייען, וועלכע ער האט שוין ארויסגקראגען פון מיר,
אז איך וואלט איהם מיט פערגעניגען אריינגעלאזען?... יא, מיט פער־
גניגען... שוין עטליכע טאג האב איך ניט פערריגעלט דיא טיהר!

עטליכע מאהל האב איך געפּרופט רוקען מיט מעבעל, נעגאנגען
איבערן צימער בײנאכט, גערוישט, ווען איך האב זיך געמאכט צוקער־
וואסער, — אין דער האפנונג, אז ער וועט זיך דערשרעקען, אין דער
האפנונג, אז פון יענער זייט טיהר וועט זיך דערהערען א דערשראקקנער
אויסגעשריי: „זשוליען"... אך, ער האט קיין שום אויפמערקזאמקייט ניט
געשענקט! ער, איז געוויס, געשלאפען... און איך, אן אויסגעמאטערטע

מיט דערפראהרענע פיס, האב איך זיך ווידער אריינגעלענט אין בעט...

ענדליך, דיא לעצטע נאכט האט זיך מיר געחלום'ט עפעס א חלום, פלוצלונג האב איך זיך אויפגעכאפט; עס איז געווען שטאק פינסטער, עס האט מיך ארומגעכאפט א מורא'דיגער שרעק, וויא א קינד, וועלכעם דיא אם האט איבערגעלאזען אליין... וואס האב איך זיך דערשראקען? איך וויים ניט... פאר דיזער גרויסער בעט, פאר דיזען גרויסען צימער, פאר דיזע גרויסער, פוסטער הויז... פיעללייכט — זיך אויך דערשראקען פאר דער געהיימנים פון מיין יעצטיגען לעבען. אהן פריידען, אהן דעם מאן לעבען זיך... איך האב בעדארפט הערען לעבען זיך א מענשליכע קול, דערפיהלען, אז עס נעהמען מיך ארום און פער־טהיידיגען טרייע הענד... דיזער פערלאנג איז געווארען אזא שארפער, אז איך בין אויפגעשטאנען און ניט אבגעבענדיג זיך קיין קלאהרע רעכענונג וואס איך וויל, וואס איך טהו, בין איך צוגעגאנגען צו דער טיהר אין ביבליאטהעק אריין און א שעפצע געטאהן דעם מאן'ס נאמען:

— זשאן!

...הייסט עס, ער אין ניט געשלאפען? הייסט עס, ער האט זיך צוגעהערט? האט געווארט?

א מאמענט שפעטער, בין איך געווען אין זיינע ארעמס. . .

. . . .

זעהר שפעט בייגאכט האב איך געזאגט דעם באראן:

זשאן, זייט אזוי גוט. צינדט אן דעם לאמפ.

ער האט זיך צולאכט:

— וואס, — האט ער געזאגט, — איהר ווילט עס?...

— יא, — האב איך געענטפערט. — פשוט אום צו וויזען דיא פיער באראנעססען, וועלכע האבען אבגעלאכט פון מיר דיא גאנצע וואך אז איך האב ניט וואס זיי מקנא צו זיין.

א האַלבעס גליק

יאנואר... 18

ווען עס וואלט מיר געפעהלט זכרון און פארשטעלונגס-קראפט, וואלט איך געווען פאלקאם גליקליך,

וואס פעהלט מיר? מיין מאן איז קלוג, עדעל, עלעגאנט. און ער האט מיך ליעב... איך האב זיך איבערצייגט, אז, איינשטימענדיג מיט פעפיטא׳ס סמנים, איז מיין מאן — א גוטער ליעבהאבער. א דאַנק איהם האב איך זאגאר ענטדעקט אין זיך א קליינעם ליעבעסטעמפעראמענט, וועלכען איך האב פערשטעהט זיך, אפילו ניט פערדעכטיגט אין זיך, מיין לעבען איז ארומגערינגעלט מיט בעקוועמליכקייט און לוקסוס. דאס הארץ, דער געפיהל, דער גייסט, דיא זעלבסט-ליעבע- אלעס איז דוכט זיך, בעפרידיגט... און דאך בין איך ניט אין גאנצען גליקליך. און דער בּאַראָן, וויא איך זאל עס ניט לייקענען, בעמערט עס, און דאס בעטריבט איהם, דאכט זיך, זעהר... ליידער, קען ער דערצו מיט קיין זאך ניט העלפען.

דאס, וואס עס מאטערט מיך, איז עטוואס זאנדערבארעס, אונבעגרייפבארעס אונבעשטימטעס; נור פאר זיך אליין וואלט איך געוואגט צו בעשטימען עס, און אפילו דאן בין איך ניט זיכער, אז איך וועל עס קענען ערקלעהרען.

איך וועל אבער פרופען.

איך לייד דערפון, וואס איך בין גליקליך מיט א מענשען, וועלכען עס האט אויסגעקליבען ניט מיין פרייעס הארץ, און אין דעזעלבער צייט בין איך בייז אויף דיזעס הארץ דערפאר, וואס עס ליעבט ניט מעהר פאר אלעס דעם, וואס מאכט מיך גליקליך... ניט קלאאר! ניין, איך פיהל, אז עס איז ניט דייטליך. א׳יך וועל פרואווען זיין פינקטליכער. פון דער צייט, וואס דיא הייראטה איז געווארען פאר מיר א פאקט, פון דער צייט, וואס איך האב זיך דערוואוסט וועגען איהרע פליכטען און איהרע פריידען, הער איך אין דיא סאַמע בעסטע מינוטען, וויא עפּעס א קול אין מיר רעדט:

נו, און וואס, ווען דיין מאן וואלט זיין מאַריס? ווען אנשטאט א מאן פון א יאהר פינף-און-פערציג, וועלכער האט זיך, אמת, גוט איינגעהאלטען און איז א גלעצענדער מאנסבּל, — ווען אויף זיין פלאץ וואלט געווען א יונגער-מאן, יענער איינציגער יונגער מאן, וועגען וועלכען דוא הייסט אימער געטרוימט מיט אזוי פיעל צערטליכקייט?.. אט עבען יעצט ציטערט אויף דיין גאנצער אונטרייער קערפער אונטער דיא צערטליכקייטען פון מאן בעדענק-זשע נור, וואס פאר א גליק דוא וואלסט געשפּירט איך דיא ארעמס פון אן אנדערען!״

עס שיינט מיר, אז פון מיין לעבען איז אוועקגענומען עטוואס, וואס מען קען ניט גוט מאכען, — וואס מען קען ניט אבשאצען, און וועגען וואס איך וועל שוין קיין מאהל ניט וויסען: צו זיין געליעבט פון א מענשען, וועלכען דוא ליעבּסט מעהר פאר אלץ. איך קען קיין פאראיבעל ניט האבען אויף מיין ארימען, טייערען

Library Brockton, Mass.

בּאראן, דער פאר וואס ער איז ניט דער מאן : ער איז דאך ניט שולדיג. אבער איך האב פאראיבעל אויף זיך, האב זעהר שטארק פאראיבעל, וואס איך בין איהם אונטריי אין מיינע געדאנקען.

דעם מאן איז שווער צו נארען, און ער זעהט דייטליך, אז עפּעס מאטערט מיך. נור קען ער דען טרעפען דיא געהיימנים פון דיזע לײדען ? עס מאטערט דאך מיך א טרוים, נאך וועניגער, וויא א טרוים. ווען ער וואלט אפילו וויסען מיין גאנצע פערגאנגענהייט, א שטונדע נאך א שטונדע, וואלט ער דארט ניט געפונען קיין איין עראינערונג, איבער וועלכער ער זאל קענען זיין אייפערזיכטיג.

ער איז ניט אייפערזיכטיג. ער איז נור בעטריבט. און איך דענק אז ער ליידעט.

דיא מאנספּילען זיינעןווירקליך בּעסער פאר אונז. אט איז איינער, וועלכער האט זיין גאנץ לעבען, מעהר וויא צוואנציג יאהר, פערשוועגדעדט אויף ראמאנען מיט פערשידענע פרויען, מיט אריסטאקראטקעס און קאָקאָטקעס, מיט אמת ליעבענדע און מיט אויס געלאסענע ; ער האט געקענט אי דיא ליעבע-ליידענשאפט, אי דיא ליעבע-פראסטיטוציאָן, ער האט זיך געהייליגט אדער בעשמוצט אין הונדערטע, ערליי ראָמאַנען. און ניט אכטענדיג דערויף האט ער, איך וויים ניט דורך וואס פאר א נס, בעהאלטען פאר א מיידעל, וועלכער ער האט געהייראט, דיא גאנצע זשוליען, א צארט, איבער געבען, ביז גאר פיהלענדעס, הארץ — דאס הארץ פון א פערליבטען גימנאַזיסט...

..פאר וואס האט ער מיך טאקע אזוי ליעב ? ניט דער פאר אליין, וואס איך בין א שעהניקע : אין פאריז זיינען פארן פיעל שעהנערע מיידלאך, וועלכע וואלטען מיט פרייד געווארען געליעבטע פון באראן דע-ניוועער. ער ליעבט אין מיר —איך פיהל עס — דאס, וואס איך בין זיין פרוי, דאס הייסט, עטוואס בעזאנדערס אנציהענדעס עטוואס העכערעס און אײדעלערעס, וויא געוועהנליך...

דיא מענער זיינען בעסער פאר אונז. אם וועניגסטען, זעהן זיי אין דער הייראט עטוואס וויכטיגערס, עטוואס אײדעלערעס, וויא מיר.

נאך איין בעאָבאַכטונג האב איך געמאכט נאך דער הייראט, שוין איבער זיך אליין. אין דריי וואכען בין איך געווארען אונגעהייער אומריין.

אלע וועלדער פון בּושה, וועלכע עס האבען געבויט אין דיא יאהרען פון קינדהייט ארום מיר אי דער מאמעס ווערטער, אי דיא פריידיג פון מיינע לעהרער׳ אי דיא וועלטליכע מאָראַל, — זיינען געפאלען אין וועניגער, וויא א מאנאט. עס איז פאראן א מענש, פאר וועלכען איך האב ניט קיין ברעקעל בושה. קיינע פון זיינע בעריהרונגען, קיין בליק זיינער פערשעהמט מיך ניט. נאך מעהר, עס געפעהלען מיר — פערשטעהט זיך, מיט איהם אליין —דיא אפענסטע געשפרעכען און האנדלונגען...

איך וויים גוט, אז דיזער מענש איז מיין מאן, און אז אי דיא רעליגיאָן, אי דער געזעץ מונטערען אויף דארום מיינע דונקעלע אינסטינקטען. אבער איך קען פארט ניט פערגעסען, אז זעהר שוואך האט געמוזט זיין מיין ארימע בושה, ווען זיא איז אזוי שנעל געפאלען, און איך ציטער, ווען איך דערמאהן זיך וועגען יענע געפאהרען, וועלכע וואלטען איהר געדראָט, ווען אימיצער וואלט געמאכט

אַן ערענסטען אַנפאַל אויף איהר, ווען איך בין געווען אַ מיידעל! וויא ענערגישע מענער זיינען עס שטאַרקער פון אונז! און וויפיעל געלעגענהייטען אַנדערע פערליען!

דיא אַפיציעלע טוגענד פון אַ פרוי ליגט נאָך אַלעמען דערין, וואָס זיא ערלויבט ניט אַ מאַן צו לייגען זיך אין איהר בעט. איהר אָפיציעלע ריינליכקייט ליגט דערין, וואס זיא ווערט רויט, ווען דערזעלבער מאַן דערזעהט איהר קניע אָדער ברוסט, ווען ער זאָגט איהר אַ צו געוואגטטען קאָמפלימענט, ריהרט זיך צו צו איהר טאַליע.

איך האָב ערלויבט אַ מאַן וועלכען איך האָב מיט אַ יאָהר צוריק גאָר ניט געקענט, צו לייגען זיך אין מיין בעט; ווען איך וועל זאָגען, אַז איך האָב איהם זאַגאַר אליין אריינגענאַרט אַהין, — וועט עס אויך ניט זיין קיין רכילות אויף מיר, פון יענער בעריהמטער שטונדע, ווען עס האָט פּאַסירט, זעהט מיך דער מאַן, וועגען וועלכען איך רעד, מיט נאַקעטע הענד, מיט נאַקעטע פיס און זא ווייטער, אימער ווען ער וויל נור, און דאס פערשאַפט מיר ניט קיין וועהטאג, איך האָב ליעב, ער זאָל פיהרען מיט מיר נעשפּר עכעןפון אַ געוויסען סאָרט; ווען ער שוויגט, ברינג איך אַליין אַרויף אויף דעם געשפרעך.

און דאָס איז יעדען טאָג. ווען דער באַראָן דע־ניווער וואָלט ניט געווען מיין מאַן, וואלט איך, וואהרשיינליך, געווען פשוט א קורטיזאַנקע, אָבער ער איז מיין מאַן, און דאַרום בין איך, — אָבוואָהל איך האָב דיזעלבע אינסטינקטען, דיזעלבע געשפרעכען, דיזעלבע בעווענונגען, — אַן עהרליבע פרוי.

מיין ערציהונג איז שנעל פערערדיגט געוואָרען. איך האב זיך דערוויסט אָדער געטראָפען, דאַכט זיך, אַלעס, וואָם זיא האָט צוגעטראַכט אום צו פער־שאַפען געגוס פאַר איהרע ארימע פינף חושים. איך האָב אנגעפיהלט מיין מח מיט אַ מאַססע אונאַנשטענדיגע ווערטלאַך אַרויסגענאַרט זיי ביים באַראָן: ער האָט ליעב, ווען איך שטעל אוים פעדוואונדערטע אויגען, און איך טוה עס, ווען עס בעוועגען מיך אונאנשטענדיגע געדאנקע!

זיינען מיר אלע, יונגע פרויען, אזעלכע?...

... עס שיינט מיך, אז ווען מיין מאן וואלט זיין יונגער, וואלט איך דער־וויסט א ריינערע ליעבע. ווען מיין מאן וואלט זיין מאָרים... דיזע טייערער גייסט הערט ניט אויף צו רעגען מיך.

דער גייסט

18 פעברוער...

שוין צוויי מאנאט בין איך א ווייב און דיא אויגען פון מעיאר און גאט אבער ערשט מיט אפאר וואכען צוריק האב איך זיך ערנסט אנגעהויבען בעטראכטען אין דער נייער ראָלע. אין דאָרף, אין דיזען ליעבען קרואַ — דע־ניווער, וואו דיא קליינע, אונשולדיגע זשוליען איז געווארען אזוי קלוג, איז זיא געווען מעהר א

געליעבטע, אלס א ווייב צו איהר מאן.

קעהרט זיך אום דיזע ציט איז׳ס לעבען פון פערהייראַטע? אדער זיא פּאסירט נור איין מאהל... אך, ווען זיא קומט צוריק!

איך בין יעצט אין פּאריז, ביי זיך, ביי אונז. מיר האבען גאר א נייעמאָדישען האָטעל, זעהר א טייערען, אין דער גאס גאַליער.

און מיין קליינע פּעפּיטא, אהן וועלכער איך קען זיך פּשוט ניט בעגעהען איז געווען דיא ערשטע מיר צו בעזוכען.

פּעפּיטא האט, פערשטעהט זיך, מיך בעשאטען מיט פראגען. זיא האט געפאדערט, איך זאל איהר דערצעהלען מיט אלע אייבצעלהייטען דיא פּאסירונגען פון מיין האָניג־מאָנאט. אבער איך האב זיך ניט ענטשלאסען... אום ניט צו מאכען דעם איינדרוק פון א צוריקגעהאלטענע און א נארעלע, האב איך אנגעהויבען צוטראכטען, צוקלעהרען. איך דענק, אז יעדע פרוי האט אזא געהיימעניספאלען ווינקעל, וועלכער בעלאנגט נור דעם מאן, צו וועלכען קיינער קען ניט צוקומען, ניט דער נאָהענטסטער פריינד, ניט א נעליעבטער.

א געליעבטער!... איך האָב נור וואס געהייראַט — אַון שוין דענק איך וועגען דיזען מעגליכן גאסט אין מיין הויז. איך האב ניט דעם מינדעסטען פער־לאנג צו נארען דעם הערר דע־ביווער. פון׳ם גאנצען הארצען וואלט איך געוואלט אימער פערבלייבען אזא פּראסטע, עהרליכע פרוי, וויא יעצט, און איך בעט הייס וועגען דעם דעם שיקזאל. אבער אלע ארום אונז, יונגע פרויען, רעדען צו פיהל וועגען געליעבטע, וויא וועגען אן אונפערמיידליכער זאך, אן אנערקענטען בעגלייטער פון מאן, אין אונזער געדאנק הויבט זיך אן צוצוגעוואוינען, וויא צו עטוואס געזעצליכעס, צו א פאמיליע זאלבע־דריט; און דיא פאמיליע אין צווייען זעהט שוין אויס כמעט אוננארמאל.

און דיזער געדאנק וועגען א ליעבהאבער ווערט שוין צודרינגליך. זאל איך זאגען, וואס עס האט מיך אם מייסטין אינטערעסירט אין דיזע לעצטע טעג, האט מיך כמעט געמאטערט? דאס גיכע צוריקקעהרען פון העלד פון מיין קליינעם מאָריס, וועלכער איז יעצט געווארען לייטענאנט מאָריס דע־ברועל, האט געקראגען אן אָרדען און׳ איך בין געווען זיכער דאס ער איז נאך אלץ אזוי פערליעבט אין דער שעהנער געלינקער, וועלכע האט אמאל געצוואונגען אזוי צו קלאפּען זיין הארץ וויא פון א חדר־יונגעל!... יא, דיזער גייסט האט מיך געשראקען, האט מיך ניט געלאזט שלאפען ביינאכט...

און אט איז צוריקגעקומען, דיזער מאָריס דע־ברועל, דיזער אויפרעגענדע ערשיינונג, דיזע צארטע ערשיינונג, וועלכע האט ניט געלאזט מיין הערצעל צו בערוהיגען זיך. ווען פארגעסטערען האט מיין דיענער מיר דערלאנגט זיין וויזיט־קאַרטע און האָט געזאָגט, אַז דיזער הערר איז אין קליינעם גאַסט־צימער״ — בין איך שיעור ניט געפאַלען אין אהנמאַכט. עס איז אַוועק, אם ווענינסטען, פינף מינוט, ביז איך האב זיך ענדליך בעהערשט און האב געפאסט מוטה צו געהען צו איהם. יאַ, און דיזע מינוטען האָב איך זיך געפיהלט אַ בעזיעגטע... איך האב

בעשלאסען אין מיין הארצען, אז איך גיעב זיך אונטער. איך האב געהערט דעם גייסט.

ווען דאס האט פאסירט אין מיינע געדאנקען, בין איך אוועק אין גאסט־צימער אן אויפרעגונג, וועלכע האט אוועקגעהרגעט אלע קראפטען, האט אבגע־טראטען דעם פלאץ א גאנץ זינדיגער ערוועקונג, דער פרייד פון פארגעפיהל, אז באלד וועל איך דערהערען ליעבעס־ווערטער וועל בעגעהען עטוואס פערבאטענעס

מיט שעהמעוודיגער שבעלקיים האב איך געעפענט דיא טהיר.. און

ד ע ר ז ע ה ע ן א י ה ם

איך האב דערזעהען איהם, דיזע איינציגע צארטע עראינערונג פון מיין מיידעלשען לעבען, דיזע עטוואס זינדיגע האפנונג אויף אונגעזעצליכע ליעבע, וואס האט געלעבט אין מיינע טרוימען, אויב עס וועט מיך אבנארען דיא געזעצליכע ליעבע.

איך האב איהם דערזעהען... און מיט אמאהל, שנעל, וויא דיזע פאפירלאך וואס צינדען זיך אן אויף דער לאמפ מיט א רויט פייערעל און ווערען באלד אהן א סימן פערברענט, — מיט אמאהל איז דיא צארטע עראינערונג פארברענט געוואָרען, דער גייסט צוגאנגען; פאר מיר איז באלד געווארען קלאהר, אז ק י י ן מ א ה ל, ק י י ן מ א ה ל ניט וועל איך ריזיקירען צו ווערען דיא געליבטע פון דיזען מענשען.

—... מאַדאַם... אַייער געזונד? אַייער מוטער, וועלכע איך האב בעזוכט וויא נור איך בין צוריקגעקומען פון טאַנקין, האַט מיך פערזיכערט, אַז איך מעג... זיך פאָרשטעלען... אַריינקומען צו אַייך...

עס שיינט, אַז דיא פראַזע איז געוועזן צוגעגרייט פריהער און דאן אַרויס־גערעדט, וויא אַן אויסגעלערענטע לעקציאָן. אָבער אונטער מיינע דורכדרינגענדע בליקען האָט זיך דער אָרעמער אינגעל פערלאָרען, פערמישט... איך האָב געפיהלט, אַז דיזער בליק מיינער פון ענטוישטער נייגעריגקייט איז אַכזריות׳דיג, אָבער איך האב זיך ניט געקענט אָברייסען. מיין קליינער מאָריס, וויא דוא האָסט זיך פער־ענדערט ?... אָרימער אָפיצירעל, ניט גראציעז אין ציווילע קליידער, שטארק פליכעוואטע פון דער קאָלאָניאַלער זוהן, א שעמהמעוודיגער, אבגעוועהנעט פון געז־עלשאפט פאר דיא פינף יאהר, — האָט וואס דיא צייט האָט געמאַכט פון דעם גראציעזען אינגעל, וועלכער האָט מיך אַזוי שעהן ליעב געהאט א גאנצען סעזאָן אין דינאר!... געוויס האב איך זיך געשאָלטען. דיזער שיינבארער, אויסערליכער אראבפאַל „— האָב איך גערעדט צו זיך אליין —„מאכט איהם, אייגענטליך, עהרע. עס איז שעהן צו זיין אן ארימער אפיצער, ווען ער איז א העלד. און דיזער מאָריס דע־ברועל איז א העלד״... אָבער טענות האָבען ניט קיין שליטה איבערן הארצען. יא, עס האט מיר ענטציקט דער העלד!... אבער צו דערזעלבער צייט האָט מיך געפרעהט, וואס דיא העלדישקייט האָט אזוי פערענדערט זיין אויסזעהן און האט פערלייכטערט מיין העלדישקייט פון טוגענד.

איז ער נאך פערליעבט אין מיר? זאָגען אָפענהערציג, — איך דענק אז

ניט. איך בין יעצט צו ווייט פון איהם, און ער האט עס דערפיהלט. איך האב גע־מאַכט אויף איהם אן איינדרוק, וויא אן אפּעראַ שטערען אויף א גימנאַזיסט, וועלכער בּעטראַכט זיא אין א בּינאָקעל. דער געשפּרעך, אויף וועלכען איך, — און פיעלייכט אויך ער — האָבּ אַזוי געוואַרט, פאַר וועלכען איך האָבּ אַזוי מורא געהאַט, האט זיך געדרעהט ארום דיא אַלגעמיינסטע פּוסטע זאַכען; מיר האבּען גערעדט וועגען דעם וועטער, רייזען, ים־קראנקייט, ענדליך, וועגען דער נייער ארמעע הלואה!

נאָך א האלבּע שטונדע פון דיזע ליעבּע געשפּרעכען האט זיך מאָריס געזעגענט. דער דרוק פון האנד, מיט וועלכע מיר האבּען זיך צושיידט אויף שוועל פון גאַסט־צימער, האט געלויטעט: „מיר האבּען אויפגעהערט צו עקזיס־טירען אייגער פארן צווייטען, דערין איז קיין צווייפעל... לעבּ וואהל, גייסט!"

אויפדערנאכט, ווען איך האבּ אנגעטאהן צום עסען מיינע בריליאנטען, האט דער מאן אנגעקלפּט צו מיר אין צימער. איך האב איהם אריינגעלאָזט. ער האט מיר געבּראכט א צוויבּערליכען פּאָכער אין סטיל עמפּייער.

פריינד מיינער — האב איך איהם געזאַגט — ווייסט איהר כאטש, אז בשעת איהר האָט אַזוי ליעבּליך געזאָרגט פאר מיר, האב איך אייך שיעור ניט אָבּגענארט?

ער האט א שמייכעל געטאהן.

— ווירקליך? דערציהלט.

און איך, זיצענדיג אויף זיינע קניעֶ, אונטערשטעלענדיג איהם אין דיא שווערע מינוטען אַן אויג אָדער א בּאַק פאר א קוש, האַב איהם אלעס דערצעהלט..

וועגען דער דונאַרישע קאָקעטער"... וועגען דיא ניט דייטליכע טרוימען פאר די לעצטע מאָנאַטען... וועגען דער מורא פארן גייסט... וועגען גייסט זעלבּסט...

אין אנפאנג פון מיין ערצעהלונג איז דעם בּאַראָן'ס געזיכט עטוואס פינסטער געווארען: אבער ער האט געזעהען, אַז איך בּין אַזוי ערנסט גענייגט צו לאַכען פון זיך אליין, — און ער איז פרעהליך געווארען; צום ענדע פון ערצ־עהלונג האט ער שוין געלאַכט.

— הייסט עס, איז געענדיגט? — האט ער געזאגט, קוקענדיג אין מיינע אויגען — אין גאַנצען געענדיגט?

— אין גאַנצען! איך האבּ אייך גענאַרט מיט א גייסט. אבער דאן איז דער גייסט פערשוואונדען. פערצייהעט איהר מיך?

דער מאן האט מיך א קוש געטאהן מיט א לאַנגען קוש אין דיא פערמאַ־כטע ליפּען.

— שוין פערצייהעט, — האט ער געזאגט. — עס פרעהט מיך וואס.. דאס.. האט פּאסירט נור אין טרוימען...

ענדע